G
MAM
BER
G

M
A-23928

# די גאלדענע צייט



## פון נאך דער מלחמה

געדרוקט אַפן חשבן פון מחבר.

וועגן אלע ענינים פון נאָכפראַגע און נאָכדרוק, ווי אויך וועגן די איבעריקע ווערק וועגדן זיך דירעקט צום מחבר לויט אַדרעס:

Tallinn (Reval), Eesti Klasingi tän. 3a kr. 3·

TARTU ÜLIKOOLI
RAAMATUKOGU

געדרוקט ביי ר. זעלמאַנאָוויטש — דאָרפּאַט 1924.

## פערזאָנען:

ה׳ בראָק — אַ ספּעקולאַנט פון דער מלחמה-צייט.

שלמה אברהם ראָזענצווייג — אַ געוועזענער סוחר.

זוסע — אַ בעל אַכסניא.

איטע — זיין ווייב.

ר׳ ישראל וואָלף — אַ שדכן.

פּרל׳ טרויב — אַ ספּעקולאַנטקע.

ה׳ שעדליץ — אַ בחור פון דער בירזשע.

מאַטרענע — זוסע׳ס קעכין און דינסט.

## סצענע

אַנ׳אַריינפאָר: אין הינטערגרונד אַ טיר דרויסן, לינקס איין טיר אין קיך און איין טיר אין זוסעס שלאָף־צימער, רעכטס נומערן.

ה׳ בראַק: (אַריינגייענדיק מיט אַ טשעמאָדאַן) וואָס איז דאָס פאַר אַמין האָטעל. עס איז גאָר ניטאָ וועמען אַגוטן אָוונט צו זאָגן. כאַטש צושלעפּ דאָס גאַנצע הויז. דאָ קען מען קיין געשעפטן ניט מאַכן. מען מוז זיך אַריבערפעקלען אין אַנ׳אַנדער אָרט (נעמט דעם טשעמאָדאַן און וויל גיין)

זוסע: (אַריינגייענדיק פון קיך) ברוך הבא אייך. וואו קלייבט איר זיך דאָס, אורח, אַוועקצוגיין?

ה׳ בראַק: איך בין ניט קיין אורח, איך בין אַ קויפמאַן, איך זוך אַנ׳אַנשטענדיקען האָטעל, וואו אַריינצופאָרן.

זוסע: וואָס דאַרפט איר אַנ׳אַנשטענדיקערען האָטעל, ווי דאָ איז, פעטער? לייגט אָפּ אייערע פעקלעך און מאַכט אייך באַקוועם, ווי בא זיך אין דער היים. (וויל אָפּנעמען באַ אים דעם טשעמאָדאַן)

ה׳ בראַק: וואָס איז דאָס פאַר אַ האָטעל, ניטאָ אפילו אַשווייצער, וואָס זאָל עמפּפאַנגען, וואָס זאָל צונעמען די זאַכען.

זוסע: וואָס דאַרפט איר די צערעמאָניעס. דאָס איז אַלץ אַנשטעלען, פיגורען, געלט צו רייסן. באַ אונז פעטער דאַרף מען קיין שווייצאַרעס ניט, יעדער, וואָס קומט צו אונז, פילט זיך ווי באַ זיך אין דער היים, לייגט אַוועק די פעקלעך, וואו ער וויל, און פאַרנעמט אַ פּלאַץ, וואָס אים געפעלט (נעמט צו פון אים דעם טשעמאָדאַן)

ה׳ בראָק: דאָ קען מען דאָך פונאַנדערטראָגן אַלץ, וואָס אין שטוב. באַ מיר אין טשעמאָדאַן איז ווערטיקע זאַכען.

זוסע: האָט קיין זאָרג ניט, איר קענט זיין זיכער, ווי באַ אייגענע מענטשען, איר מעגט האָבן אפילו גאָלד און זילבער, וועט אייך אויך קיינער ניט אַטאַקירן, איך האַלט שוין מיין האָטעל אַנ׳ערך פון אַ יאָר 40, און עס האָט קיינעם נאָך חלילה קיין מאָל ניט געפעלט.

ה׳ בראָק: קען מען דאָ טרעפן מענטשען? איך דאַרף האָבן, פאַרשטייט איר, אַנ׳אָרט וואו מענטשען זאָלן זיין.

זוסע; וואָס הייסט מענטשען? איר זייט דאָך ניט צווישן חיות, חלילה.

ה׳ בּראָק: איך דאַרף האָבּן סוחרים, דאַרף איך, פאַרשטייט איר, איך בּין אַ קאָמערציאַנט, און אַ קאָמערציאַנט דאַרף זוכן פאַרבּינדונגען מיט דער וועלט.

זוסע: אָך, פעטער, אַז איך וואָלט האָבּן דאָס געלט, וואָס סוחרים האָבּן פאַרדינט בּאַ מיר, וואָלט איך אַליין געווען אַ סוחר. נאָך איידער איר זייט געבּוירן געוואָרן, זאָלט איר מיך אנטשולדיגן, האָבּן שוין סוחרים בּאַ מיר געמאַכט די גרעסטע געשעפטען.

ה׳ בּראָק: אייערע אַמאָליקע סוחרים זיינען געווען אַגאַרגישט קעגן די איצטיקע סוחרים. וואו אַן׳אַמאָליקער סוחר פלעגט זיך איינקערן אין אַ יאָר, דאַרף זיך אַ איצטיגער איינקערן אין אַ טאָג. אַן׳אַמאָליקער סוחר האָט געוואוסט וואו די סחורה ליגט, און אַ איצטיקער מוז זי ערשט געפינען, מוז זי אויסשמעקן, אין דערין ליגט דער גאַנצער קונץ איצטער. דערום, פאַרשטייט איר, דאַרף איך האָבּן מענטשען, וואָס מער מענטשען: מען גיט אַ שמעק בּאַ איינעם, בּאַ אַ צווייטן — און מען דערשמעקט.

זוסע: בּאַ מיר וועט איר קענען שמעקן ווי פיל איר ווילט. זאָרגט ניט... דאָ קערן זיך איבּער מענטשען גענוג... ווילט איר אַנומער, פעטער? קלייבּט זיך אייך אויס.

ה׳ בּראָק: ווי דען? גיט מיר דעם בּעסטען נומער, וואָס איר האָט. וועלכע נומערען האָט איר?

זוסע: איך האָבּ נומערען מיט איין בּעט, איך האָבּ נומערען מיט צוויי בּעטען, און אַז מען וויל, קען מען אריין-טראָגן אַ דריטע בּעט אויכעט... איר דאַרפט דאָך מיט איין בּעט מסתמא?

ה׳ בּראָק: ניין, גיט מיר מיט צוויי בּעטען.

זוסע: איר האָט נאָך וועמען בּאַ זיך, פעטער?

ה׳ בּראָק: עס איז שוין בּאַ מיר אַלע מאָל אַ כּלל צו נעמען צוויי בּעטען, טאָמער מאַכט זיך אַ קאָמפּאַניע, זאָל זיין אַ צווייטע אויך.

זוסע: (פאַר זיך) איין מענטש מיט צוויי בּעטען; קענטיק פון די איצטיקע.

ה׳ בּראָק: און אַ דעליקאַטען עסן קען מען בּאַ אייך בּאַקומען?

זוסע: וועגן מיין עסן פרעגט זיך נאָך בּאַ אַלע סוחרים פון דער סביבה. מען פלעגט קומען עקסטרע צו מיר אַריינכאַפּן אַ שטיקל געמאַנירטע פיש, אַ צימעס, אַ טעלער ראָסל און מען פלעגט זיך ממש דער מיט לאָבּן.

ה׳ בּראָק: דאָס איז אַלץ געווען געריכטען אַ מאָל, איצט גיט עס בּעסערע געריכטען.

זוסע: עפּעס מאַכט איר, פעטער, ארונטער אַלץ, וואָס אַ מאָל, איך ווייס ניט, וואָס פאַר גוטעס עס גיט איצט אין דער וועלט, מער ווי צרות האָט מען פון איצטיקן לעבּן ניט.

ה׳ בּראַק: דאָס לעבּן אַנטוויקלט זיך וואָס ווייטער, פאַרשטייט איר. וואָס אַמאָל איז געווען גוט טויג איצטער ניט. איר זייט אַן׳אַלטמאָדישער מענש, ר׳ איד, אייער האָטעל איז אַן׳אַלטמאָדישער, אייער עסן אַלט-מאָדיש... נישט מער, איך בין שוין דאָ אַריינגעפאַלן, וועל איך שוין איבּערנעכטיגן ... איז דאָ בּיי אייך קריסטענס, וואָס דינען צו, ר׳ איד?

זוסע: פאַראַן בּיי מיר אַזאַ, וואָס איז שוין איבּער 30 יאָר אין שטוב. אַזאַ ערליכע, זאָג איך אייך — איר קענט פאַר איר גאָלד אַוועקלייגן, זייט איר זיכער.

ה׳ בּראָק: איבּער 30 יאָר זאָגט איר?... אפילו די גויעש זייען בּאַ אייך אַלטמאָדישע... נו טראָגט שוין אַריין מיין טשעמאָדאַן.

זוסע: (פאַר זיך) קענטיק אַז ער האָט האַלט צו שמעקן. (טראָגט אַריין דעם טשעמאָ־דאַן אַרויסגייענדיק) איר קענט זיין גאַנץ רוהיק, יונגערמאַן, אַז קיינער וועט אייך ניט נעמען. בּאַ מיר פלעגן אַמאָל אַריינפאָרן די גרעסטע אידישע סוחרים, די גרעסטע געשעפטען פלעגט מען דאָ מאַכן. מיין נאָמען זוסע — זוסע הייס איך, — פלעגט זיין בּאַקאַנט מיילען ווייט אַרום, אַלע-רליי מענשען פלעגן זיך דאָ איבּערקערן און יעדער האָט זיך דאָ גע-פילט, ווי אַן׳אייגענער. אַז עס פלעגט קומען ווער צו גאַסט אין מקום, פלעגט מען איינשטיין בּאַ זוסען; אַז עס פלעגט קומען ווער, ניט פאַר אייך געדאַכט, צום דאָקטער, פלעגט מען אַריינפאָרן צו זוסען. אַ חתן-כּלה פלעגט זיך דאַרפן צוזאַמענטרעפן. וואו פלעגט זיין דער אָרט? — בּאַ זוסען. וואָס הייסט? מען איז געווען מיט יעדען צוזאַמענגעבּונדן, און מען האָט גקענט יעדען איינצעלנעם בּאַזונדער. וויפיל קנינים מען האָט דאָ געמאַכט, וויפיל תנאים׳ס - אוואַ, ס׳איז גאָר אַן׳אַנדער וועלט געווען . . זעצט זיך יונגערמאַן, לאָמיר שמועסן אַ ווײַלע. איר האָט דאָך צייט?

הי בּראָק: רייזדן? מיט די בּעסטע ערע. פון ריידן האַלט איך. איצטיקע יאָרען איז זייער נויטיק צו ריידן, — וואָס מער ריידן. עס איז שוין מיינער אכלל: אַז איך טרעף זיך צוזאַמען מיט וועמען, דאַרף איך פאַרבּינדן אַשמועס. 99 ווערטער זיינען אַבּוידעם און פון דעם הונדערטן קומט וואָס אַרויס.

זוסע: מיט אַמאָליקע סוחרים פלעגט מען זיך אויך קענען אויסריידן. גאַנצע אָוונדען פלעגט מען אָוועקריידן.

ה׳ בּראָק: וואָס פאַרגלייכט איר מיט אַמאָל? אַמאָל פלעגט אַ סוחר האָבּן צו טאָן נאָר מיט איין אייניציקען אַרטיקל, מער פלעגט ער גאָרנישט וויסן. איצט מוז ער וויסן אַלע סחורות אָף דער וועלט. היינט האָבּ איך געכאַפּט אַ פעל, מאָרגן אַ שטיקל מיטקאַל, איבּערמאָרגן אַפּעקל סאַכאַרין, אַ פירטען מאָל אַ פּאָר גילדערנע רינגען, אַניט איז לופּעטעס און קעל-

בערנע מעגעלעך אויך גוט. מיט איין וואָרט, אַלץ איז איצט אַ סחורה. אַלץ צו צוקערט מען. איר דאַרפט נאָר וויסן די לאַך, וואו עס שטעקט.

זוסע: אַשווערע זאַך כלעבען, מען דאַרף דאָך וויסן די פרייזער און וויין געניט אין אַרטיקל.

ה׳ בראק: וואָס פאַר פרייזער, וואָס פאַר געניט? איר זייט, ר׳ איד, ווייזט אויס, גאָר ניט באַהוהנט אין הלכות איצטיקע געשעפטען. איצט פרעגט מען ניט קיין פרייזער. האָב איך געכאַפּט דעם פעקל, באַצאָל איך וויפיל מען בעט. דער צווייטער באַצאָלט מיר, וויפיל איך בעט; דער דריטער באַצאָלט אים, וויפיל ער בעט. אָט אַזוי גייט אַריבער דאָס פעקל פון איינעם צום אַנדערן און יעדער פאַרדינט. פאַרשטייט איר? אַמאָל פלעגט די סחורה קומען פון פאַבריק גלייך צום קרעמער אַריין און פון קרעמער גלייך צום קונה אין שטוב אַריין — און דער מסחר האָט זיך געענדיקט דערמיט. איצט אָבער מאַכט דאָס שטיקל סחורה אַ רעכטען וועג פון צענדליקער מענטשען, ביז עס פאַלט אריין צום געברויכער אין די הענט. דאָס זעלבע שטיקל סחורה גיט יעדן צו פאַרדינען. פאַר-שטייט איר? און אַניט טרעפט זיך אַ מעשה, אַז דאָס שטיקל סחורה מאַכט אַ קרייז און פאַלט אַריין צוריק צום ערשטען סוחר אין די הענט פאַר אַ דרייאיקען פרייז, און פון דאַנען הויבט זיך אָן ווידער דער זעל-בער טאַנץ. פאַרשטייט איר? איך בין שוין געלערנט אף די זאַכען. די הונדערטער סחורות גייען דורך דורך מיינע הענט.

זוסע: אַזוי? אַסך אַרטיקלען האָט איר?

ה׳ בראָק; וואָס איר ווילט נאָר. מאַנופאַקטור, זייף, פאַרב, בוימוואָל, פאַר-שידענע טאַבאַקס, קעפלעך זיסע און די ריכטיקע זיסע.

זוסע: דאָס פלעגט מען רופן אַמאָל אַ אוניווערסאַל געשעפט.

ה׳ בראָק: ס׳הייסט? וועלכער סוחר האַנדלט דאָס איצט ניט אַזוי? יעדען סוהר קען מען איצט אנרופן א אוניווערסאַלען סוחר.

זוסע: וואו שטייט דאָס, יונגערמאַן, אייער אוניווערסאַל געשעפט?

ה׳ בראָק: מיין געשעפט שטייט ניט, מיין געשעפט פאָרט אַרום צוזאַמען מיט מיר.

זוסע: צוזאַמען מיט אייך? וואו האָט איר דאָס אָפּגעשטעלט?

ה׳ בראָק: איך לייג ניט פאַרשטייט איר מיך די סחורה אַ׳פן פאָליצע, איך קויף אָפּ, כאַפּ אָפּ מיין פראָצענט און גיב עס גלייך אַוועק. עס איז שוין מיין טבע אַזוי. איך האָב האָלט, אַז עס דרייט זיך באַ מיר אַרום.

זוסע: און וואָס טוט איר, יונגערמאַן, אַז עס מאַכט זיך ניט אַנ׳אַנדער פעקל צום דרייען?

ה׳ בראָק: דאַן דריי איך מיט די פאַפירלעך.

זוסע: דאַן דרייט איר מיט די פּאַפּירלעך?

ה׳ בראָק: יאָ, דאַן דריי איך מיט די פּאַפּירלעך.

זוסע: איך פאַרשטיי אײַך ניט, יונגערמאַן. וואָס דרייט איר פון פּאַפּירלעך?

ה׳ בראָק: כאַ, כאַ, כאַ, ווי עס ווייזט אויס פאָרן גאָר ניט אַריין באַ אײַך קיין איצטיקע סוחרים. איך טויש, פאַרשטייט איר שוין? די בילעטען זיינען ביי מיר אַ געשעפט פאַר זיך. זיי טאָו׳ן באַ מיר ניט אײַנשטיין אַף אַנ׳אָרט.

זוסע: אווא, וואָס פאַר אַ דרייעניש אַ איצטיקעס געשעפט איז.

ה׳ בראָק: דאָס זאָג איך דאָך אײַך. אַ איצטיקער סוחר פירט אַלע געשעפטן, וואָס אַ מאָל פלעגן פירן די גרעסטע אַנגראַגעשעפטן און ביינק. אַנ׳אַמאָליקער סוחר פלעגט אויסער זיין קרעמל ניט וויסן, וואָס עס טוט זיך אַרום, אין דער וועלט. איצט מוז איך לייענען אַלע צייטונגען צו צו וויסן אַלע נייעס און צו פאַרשטיין די וועלט פּאָליטיק.

זוסע: אַזעלכע קאָפּדרייעגישען האָט מען אין אונזערע צייטען ניט געהאַט... און וואָס טוט מען, אַז דער קורס פון די געלט גיט אַ פאַל מיט איין מאָל, און מען בלייבט שטיין, ווי מען זאָגט דאָסיק?

ה׳ בראָק: אָט דאָ זעט איר איז דער גאַנצער קונץ. אָט דאָ דאַרפט איר וויסן פּאָליטיק. אַזוי, למשל, אַז היינט האָבן די באָלשעוויקעס אַ נעם געטאָן, דאַן איז רוסיש געלט גוט. האָבן זיי געמאַכט פלטה, דאַן טויג עס אָף כּפּרות. קלאַפּן זיי די פוילן דאַן איז געהויבן; קלאַפּן די פוילן זיי, דאַן איז ניט מהודרדיק. גיט טשיטשערין לויד דזאָרזשען אַ נאָטע, דאַן טויגן די פונטן ניט; דערלאַנגט לויד דזאָרש טשיטשערינען אַ נאָטע, דאַן ליגט רוסלאַנד אין דר׳ערד. אָט אַזוי בייט מען איינס אַף דאָס אַנדערע.

זוסע: און וואָס טוט מען אַז איינער בלייבט אין דער ערד און הויבט זיך מער ניט אויף?

ה׳ בראָק: זאָל עס אַזוי ניט טרעפן, ווי עס טרעפט. אָט בין איך געבליבן שטעקן מיט אַ פּאַק יודעניטשעס. איך קען מיך נאָך עד היום ניט אָפּכאַפּן פון דעם טרונק.

זוסע: וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? עס איז דאָך אַמאָל געווען רוהיקער. פיינע אידן, סוחרים, פלעגן אַריינפאָרן צו מיר, זיך לאָזן געבן אַ טלית און תּפילין, זיך רוהיק אָפּדאַוונען, דערנאָך זיך לאָזן דערלאַנגען אַ פּעטן באָרשץ, זיך גוט אויסשמועסן מכּח וועלט זאַכן, דערציילן הסידישע מעשׂיות און אַריינמישן אַ אידעשען וואָרט. זיי פלעגן זיך ניט אײַלן. די פּעקלעך פלעגט מען זיי אַריינטראָגן פּאַרטיקע אין האָטעל אַריין. ס׳איז דאָך אַ בעסערעס לעבן געווען.

ה׳ בראָק: אַ, וואָס רעדט איר פון חסידעשע מעשׂיות. דאָס איז אָפּגעלעבטע

זאכען. הערט זיך בעסער צו, ר׳ זוסע. אויב איר ווילט א קאפיקע פארדינען, דערשמעקט א שטיקל געשעפט. אויב עס וועט קומען א סוחר, קענט איר אים זאגן אז ער קען מאכן מיט מיר מסחר... איר וועט אויך פארדינען... איך האב קיין צייט ניט.. איך וועל גיין אין מיין נומער... אפשר האט איר א שיקשעלקע מיר צוצודינען... מען קען מיר דערלאנגן עפעס גוטעס צו עסן.

זוסע: קיין שיקשעלקע האב איך ניט, אבער א גוט עסן קענט איר א מיר באקומען. איר קענט נאכפרעגן אין דער גאנצער סביבה, וועט מען אייך זאגן, אז אזעלכע פיש...

ה׳ בראק: נו גוט, נו גוט. איך וועל שוין זען (גייט אפ)

זוסע: יע, יע א נייע וועלט געווארן. נייע מענטשען מיט נייע פאראנדקעס, וואס אמאל איז געווען גוט, טויג איצטער ניט. אמאל פלעגט מען פארלאנגן א הייסן טעלער בארשץ און איצט פארלאנגט מען א שיק-שעלקע צום באדינען... איך וועל גיין זאגן מאטרענען זי זאל אים מאכן וואס (ווילגיין אין קיך. עס עפנט זיך די טיר און עס קומט אריין שלמה אברהם).

שלמה אברהם: א גוט׳ן אוונט אייך, זוסע.

זוסע: וועמען זע איך! אף מיינע נאמנות — ר׳ שלמה אברהם! נאט אייך א ברייטן שלום עליכם, ר׳ שלמה אברהם.

שלמה אברהם: ווארט זייט מוחל, איך דארף נאך זאגן אשר יצר. גיט, אזוי גוט א ביסל וואסער.

זוסע: (עפנט די קיך—טיר און שרייט) מאטרענע, א גרויסער גאסט איז געקומען — ר׳שלמה אברהם! גיב האסטיק א ביסל וואסער אף אשר יצר. (גייט אריבער אין שלאף-צימער. עס הערט זיך) איטע, איטע ר׳שלמה אברהם איז געקומען געדיינקסט ר׳שלמה אברהמן (עס הערט זיך איטעס שטים קרעכצענדיק: ר׳ שלמה אברהם? אך, גאט, וואס פאר א גאסט מיר האבן. אוי ווי איז מיר, עס ברעכן מיר די זייטען, איך קען ניט ארונטערקריכן).

מאטרענע: (מיט א שטאף וואסער און אנ׳עמער) אך באזשע פראוודע, אך, מאמעלע, ר׳שלמה אברהם צשטאב יא טאק זשילא. ווי גאט אליין וואלט אייך אריינגעשיקט. איך האב היינט א בארשץ מיט א פעטן שעפס.

שלמה אברהם: זייער וואויל, זייער וואויל, מאטרענע. דערווייל וויל איך נאך ניט (וואשט זיך, זאגט אשר יצר. מאטרענע גייט אפ).

זוסע: (ארויסגייענדיק) וואס פאר א גאסט, וואס פאר א גאסט. נאך היינט האב איך אייך דערמאנט, בנאמנות אין א גוטער שעה זיך אויסגערעדט.

שלמה אברהם: א שלום עליכם אייך זוסע.

זוסע: עליכם שלום אייך ר׳ שלמה אברהם, לאנג לעבן זאלט איר. מיר האבן געמיינט ר׳ שלמה אברהם, אז איר האט שוין אונז אינגאנצן פארגעסן. איר פארט אריין אין אנדערע האטעלען. אונזער בארשץ

האָט אייך דערעסן.

שלמה אַברהם: וואָס רעדט איר זוסע. איך פֿאַר ערגעץ ניט אַריין, איר מעגט מיך אָפּגילטן. עס איז אומעטום אַזוי טרף, אַז מען טאָר זיך ניט אָנרירן אָן אַ עסן. איבער מאַטרענעס באַרשץ גיט עס נאָך עד היום ניט. וואָס מאַכט אייער איטע, זוסע?

זוסע: מיין איטע איז שוין קיין איטע ניט מער — אַ קראַנקע, ניט פֿאַר אייך געדאַכט. ליגט צו בעט. זי וויל אַרויסגיין אייך זען. ס׳איר שווער נעבעך. זעצט זיך ר׳ שלמה אַברהם, דערציילט ר׳ שלמה אַברהם, פֿאַר וואָס זעט מען אייך גאָרניט די לעצטע צייט?

שלמה אַברהם: עס איז ניטאָ צוליב וואָס צו פֿאָרן, זיצט מען אין דער היים. איצט פֿאָרן אַנדערע ברוך השם. אַנ׳עולם הפוך געוואָרן התחתונים למעלה והעליונים למטה.

זוסע: אָך וואָס פֿאַר אַ צייטן מיר האָבן דערלעבט. איר זייט דאָך געווען ר׳ שלמה אַברהם, דער ערשטער סוחר אין אונזער געגנט. אַ קלייניקייט, ר׳ שלמה אַברהם׳ס מאַנופֿאַקטור. ניט געווען אַ חתן — כלה, וואָס האָט זיך ניט באַקליידט מיט אייערע מאַטעריע. ר׳ שלמה אַברהם׳ס אַ וואָרט, ר׳ שלמה אַברהם׳ס אַ וויץ, גלייכווערטל, ר׳ שלמה אַברהם׳ס נעמען אַ גלעזל בראַנפֿן. הכלל מען האָט נאָר געהערט: ר׳ שלמה אַברהם.

שלמה אַברהם: דאַן איז געווען אַנ׳אַנדער וועלט. דאַן אַז איך פֿלעג אַוועקשרייבן אין לאָדז אַ קאַרטל, איז געווען גענוג, אַז מען זאָל מיר אַרויסשיקן, וואָס איך האָב נאָר פֿאַרלאַנגט. מען האָט געוואוסט אַז מען האָט זיך פֿאַר מיר ניט וואָס צו שרעקן. איצט איז קיין זאַך ניט הייליק: ניט קיין וואָרט, ניט קיין וועקסל, נאָר באַרע בילעטן אַף דער האַנד — דען זייט איר דערמיט אייך ניט זיכער. איר קענט זיך לייגן שלאָפֿן מיט טויזענדער, און אופֿשטיין אַ ליידיקער.

זוסע: אַ כּישוף, אַנ׳אמתער כּישוף מיט איצטיקע געלד.

שלמה אַברהם: (אויפֿשטייענדיק און שפּרייזנדיק איבער׳ן צימער) ניט קיין כּישוף — אַנ׳עבודה זרה איז עס, זאָג איך אייך, אַנ׳עגל הזהב. אַמאָל האָט אַ סוחר עפּעס וואָס געטאָן: געקויפֿט סחורה, פֿאַרקויפֿט, איצט איז געלד געוואָרן פֿאַר זיך אַנ׳אַרטיקל. מען בייט פּאַפּירלעך איינס אויף דאָס אַנדערע און מען לעבט זיך דערמיט אָן קאַפּיטאַלען. עס איז אָסור, על פּי דין איז אָסור צו מאַכן אַזעלכע געשעפֿטן עס איז גלייך, ווי אַמשחק בקוביאָ.

זוסע: קענט איר ניט, ר׳ שלמה אַברהם, אַרויסגעפֿינען קיין אַנדערע געשעפֿטן? איר זייט דאָך אַ טיפֿער קאָפּ. ווי זאָגט מען, וואו תורה דאָרטן חכמה.

שלמה אַברהם: איצט העלפֿט קיין חכמות ניט ליבער איד. עס איז פֿאַרשלאָסן געוואָרן די וועלט פֿאַר אַלץ. עס איז נתפּרדה החבילה

געוואָרן. די וועלט האָט זיך צוטיילט אויף שטיקלעך. יעדער האָט זיך אַרומגעצוימט מיט אַנ׳אײַזערנער וואַנד, און איר קענט ערגעץ ניט אַריבער קומען. אַמאָל פלעגט איר אַרויספאָדערן סחורות פון אַנ׳עק וועלט און איצט זייט איר איינגעשפּאַרט, ווי אין אַ שטייג. אַנשטאָט צו טראַנספּאָרטירן וואַגאָנעס, טראָגט מען זיך אַרום מיט פּעקלעך. קען איך, שלמה אַברהם, זיך נעמען צו אַזעלכער אַרבייט, וואָס מיינעד אַ פאַבריקאַנציק פלעגט דאָס טאָן?

זוסע: באמת משיח׳ס צייטן געוואָרן.

איטע: (גייט אַריין קרעכצענדיק און האַלטנדיק זיך פאַר די זייט) ר׳ שלמה אַברהם, וואָלט איך אַזוי געזונט זיין. אַ גוט געזונט אייך, ר׳ שלמה אַברהם.

שלמה אַברהם: אַ גוטן אָוונט, אַ גוט יאָר. וואָס זע איך? אָווא, דאָס זייט איר, איטע? איך גלויב עס ניט, קוקנדיק אויף אייך.

איטע: ניטאָ די אַמאָליקע איטע מער, ר׳ שלמה אַברהם, נאָר אַ שאָטן געבליבן... אוי ווײ איז מיר, זוסע, פאַרוואָס שטעלט מען ניט אויף דעם סאַמאָוואַר. ר׳ שלמה אַברהם איז דאָך אַוודאי דורשטיק פון וועג.

זוסע: מאַטרענע האָט שוין געמוזט באַזאָרגן, האָט שוין געמוזט אָנשטעלן, זי ווייס, אַז ר׳ שלמה אברהם האָט האָלט אַ גלאָז טיי... איך לויף אַריין איר זאָגן (גייט אָפּ)

שלמה אברהם: עס שאַדט ניט... השם ירחם, וואָס פאַר אַ וועלט עס איז געוואָרן. איר זייט דאָך געוועזן, איטע, די ערשטע בריה אין דער געגענד. אַליין אופגעהאַלטן אַ גאַנצן אויעזד אורחים.

איטע: אופגעהאַלטן אַ גאַנצן אויעזד, און איצט קען איך מיינע אייגענע ביינער ניט דערשלעפּן, ניט פאַר אײַך געדאַכט... אוי ווײ מיין זייט (הוסט) איר זייט אויך ניט דער זעלבער, ר׳ שלמה אברהם.

זוסע: (קומט צוריק) מאַטרענע האָט שוין אַלץ באַזאָרגט. זי האָט שוין איינגעווייקט גרינע ציבעלים אין עסיק פאַר ר׳ שלמה אברהם׳ן און האַקט אַ לעבער.

שלמה אברהם: אַ אידעשע נשמה האָט זי אייער מאַטרענע. קען מאַכן די ריכטיקע אידישע מאכלים.

זוסע: אַ קלייניקייט, 30 יאָר געוועזן אין מיין שטוב. בײַ מײַן איטן זיך אַלעס אויסגעלערנט. זי מאַכט אייך די בעסטע פּוטשאַ, גרייט אײַך צו דעם אמת׳ן מאַראַנאַט. מאַכט אַלע שבתדיקע מאכלים און בלינצעס אָף שלש סעודות, ניט ערגער פאַר די בעסטע אידעשע בעל הביתטע.

איטע: און אַ כשרע גויע. ווייס אַלע דינים. דאָס איז נאָך אַ גרויסער נס פאַר מיר.

שלמה אברהם: ווייניק דאָ איצט אַזעלכענע אכסניא׳ס ווי בײַ אײַך.

זוסע: וואָס העלפט עס ר׳ שלמה אברהם, אַז עס איז ניטאָ קיין מזל. אַלץ

איז איבערגעקערט געוואָרן. מען דאַרף קיין פּיטשאַ ניט, קיין בלינצעס ניט און קיין שלש סעודוס גיט, — און מען פאָדערט יונגע שיקשעלקעס.

איטע: דערציילט, ר׳ שלמה אברהם, וואָס איר מאַכט ?... איר האָט אונז אַ נייע נשמה אַריינגעזעצט מיט אייער קומען. אונזערע אַלטע אורחים זיינען אַלע פאַרשוואונדן געוואָרן. מען זעט זיי קיינעם ניט... וואָס מאַכט אייער גיטל, זאָל לעבן ? אַזאַ אשה צנועה. אַלע אָרימעלייט פון שטאָט פלעגן איר דאָך בענטשן. אַוועלט געלט אויסטיילן ווען זי פלעגט קומען. אין דער גאַנצער געגנד געווען באַרימט אַלס אַ אשה צדקניות... אַלע פלעגן דאָך אייך מקנא זיין, וואָס פאַר צירונגען פון קינדער איר האָט. וואָס מאַכט אייער בלומעלע, אייער רויזעל, זיי האָבן דאָך געשיינט ווי די ליכטיקע שטערן. אַזעלכע בליענדע טויבען, אַזעלכע ערליכע נשמות

שלמה אברהם: אַלץ געווען אַמאָל, אַלץ פאַרביי. נאָר דער נאָמען איז געבליבן: דער נאָמען פון מיין געשעפט, דער נאָמען פון מיין פרוי, דער נאָמען פון מיינע קינדער. נאָר דער נאָמען. מיין געשעפט איז שוין ניטאָ, מיין פרוי איז אַלט און קראַנק, די קינדער — אויך באַם נאָמען געבליבן.

איטע: זיי זיינען נאָך אומפאַרהייראַט ? אַזעלכע שיינע טויבען, אַזאַ יחוס! מען וואָלט זיך דאָך געשעצט גליקלעך, מען זאָל זיי האָבן פאַר פרויען... אוי מיין זייט, מיין זייט.

שלמה אברהם: איצט גילט ניט, איטע, אַמאָליקע יחוס, עס גילט ניט דער ערליכער סוחר, עס גילט ניט די ערליכע מיידעל — יע.

איטע: אוי ווייי וואָס פאַר אַ חשך איז געוואָרן אין דער וועלט, וואָס פאַר אַנ׳איבערקערעניש. אַזאַ חרבן געוואָרן אויף אונז.

שלמה אברהם: וואָס האָט אייך אַזוי צוגעדריקט די צייט, אז איר זייט אַזוי אַרונטער, איטע ?

איטע: (מיט אַ געוויין) אוי ווייי איז מיר, מיינעביידע בליענדע בלומען זיינען דאָך באַ מיר אָפּגעשטאָרבן.

שלמה אברהם: אייערע צוויי טעכטער זיינען אַוועק ?! ברוך דין אמת. גאָט זאָל שומר ומציל זיין.

זוסע: וואָס רעדסטו, איטע ? ר׳ שלמה אברהם קען דאָך טאַקע מיינען-אוועק-געשטאָרבן.

שלמה אברהם וואָס, זיי זיינען ניט אַוועקגעשטאָרבן ?

איטע: אוי ווייי איז מיר, אוי ווינד איז מיר. איז דאָס ניט אַוועקגעשטאָרבן ? ווען מיין איינע האָט זיך פאַרבונדן מיט אַ שלייער. אָנגעלייגט אַ צלם אויפ׳ן האַרצן און אַוועק אַ באַרמהערציקע שוועסטער צווישן פויערים, און די אַנדערע איז אַוועק מיט׳ן שטאַב — אַ שרייבערין.

זוסע: וואָס יאָמערסטו און קלאָגסטו און נעמסט זיך אַזוי דאָס לעבן... זיי

קענען נאָך לעבן און זיין די זעלבע מיידלעך וואָס פריער, איטע, בנאמנות

**איטע:** וואָס פאַר מיידלעך קען מען זיין, אַז מען פאָרט מיט אָפּיצערען אין איין וואַגאָן. אוי וויי איז מיר, ווי זאָל איך ניט קלאָגן [פאַרקייכט זיך הוסטנדיק]

**זוסע:** איר הערט, ר׳ שלמה אברהם, זי נעמט זיך דאָס לעבן אַליין מיט די אייגענע הענט. איך זאָג איר: קענסטו דען, איטע, אַליין איבערמאַכן די וועלט. די גאַנצע וועלט איז איבערגעקערט געוואָרן, זיינען די מיידלעך אויך געוואָרען מאַנסבילען.

**שלמה אברהם:** באַרוהיגט אייך, איטע, גייט זיך בעסער אָפּרוען. פירט איר אָפּ זוסע אין בעט. זי טאָר ניט ריידן צופיל. יע, יע, יע, אַנייע וועלט, אַנייע וועלט.

**איטע:** ענטשולדיקט, ר׳ שלמה אברהם, איך האָב אייך אָנגעמאַכט אפשר פאַרדרוס. דאָס הארץ איז פאַרביטערט. [גייט אָפּ. ר׳ שלמה אברהם גייט אַרום אין צימער. זוסע קומט צוריק. אַ קורצע פּויזע.]

**זוסע:** יע, ר׳ שלמה אברהם, אַ גוטע צייט אַוועקגעגאַנגן. אַ שאָדן אַ שאָדן. זעצט זיך, ר׳ שלמה אברהם. באַרוהיגט אייך פון וועג.. איר געדיינקט, ר׳ שלמה אברהם, ווי עס פלעגט קאָכן בא מיר אין שטוב אַמאָל. אַלע אַרומיקע סוחרים פלעגן אַריינפאָרן — עס איז געווען אַ לעבן.

**שלמה אברהם:** גוטע צייטען געווען, גוטע צייטען.

**זוסע:** דער גרויסער סאַמאָוואַר פלעגט קאָכן אויפן טיש, און אין קיך פלעגט זיך גרייטן אַ וועטשערע פאַר צענדליקע מענטשען.

**שלמה אברהם:** אייער באָרשק, זוסע, האָט געהאַט אַ גרעסערן שם פון מיינע זיידענס.

**זוסע:** שוין ניטאָ, ר׳ שלמה אברהם, די אַמאָליקע שעפסען, ניט די אַמאָליקע גענזלעך. אַלץ אַוועקגעשוואומען, ווי מיט׳ן וואַסער. איצט איז בא מיר אומעטיק, פוסט. ס׳איז ניט צו הערן, בנאמנות, אַ אידעשן וואָרט, ווי פון אַמאָליקע סוחרים. שוין אַ לאַנגע צייט ניט געהערט אייערע חסידישע מעשיות, געדיינקט איר זיי נאָך, ר׳ שלמה אברהם?

**שלמה אברהם.** די חסידים זיינען אויך פאַרשוואונדען געוואָרן, זוסע. די אַלטע זיינען געשטארבן, די נייע זיינען ניט געוואָרן. [זעצט זיך נעהנטער] איך געדיינק, דער ליאדיער עליו השלום פלעגט זאָגן: עס טרעפט אַ צייט, אין וועלכער דער שטן נעמט די גאַנצע שליטה אין דער האַנט, די סטרא אחרא, רחמנא, ליצלן. באַהערשט אַף אַ ווייַלע די וועלט. דאַן מוזן אַלע צדיקים פאַרשוואונדן ווערן — דאָס הייסט ניס, הס וחלילה. אין גאַנצן פאַרשוואונדן ווערן — דען די וועלט קען אָן ל״ו צדיקים ניט קיין קיום האָבן — נאָר זיי בלייבן פאַרבאָרגן אַף אַ באַשטימטע צייט, זיינען מרעיש עולמות אין דער שטיל, ביז עס גיט זיך איין דעם מתבל ווידער צו פאַרטרייבן.

זוסע: גיט עס מער קיין רביים איצטער?

שלמה אַברהם: אין אַנדערע מקומות הערט מען ניט פון זיי. דער לעצ־טער איז געווען דער ליבאַוויטשער. מען זאָגט, ער איז שוין נסתּלק געוואָרן. ווער ווייס, אפשר איז ער פאַרבאָרגן ערגעץ.

זוסע: אַ גרויסער מענטש געווען דער ליבאַוויטשער?

שלמה אַברהם: געהאַט אַ גרויסן צוטריט אין יענע עולמות. ער איז נאָך געווען אַ יונגערמאַן, און האָט נאָך ניט דערגרייכט ביז דער העכסטער מדרגה. נאָר מען פלעגט זען, אַז די שכינה רוט אויף אים. ער איז געווען בבחינת כי קרן אור פניו. איבערהויפט איז ער געווען באַקאַנט מיט דעם סוד פון נגינה. אַז ער פלעגט זאָגן אַדביקות, פלעגט מען מען ממש פילן, אַז די הימלען עפנען זיך.

מאַטרענע: (מיט אַ טאַץ און געשיר) וואו איז דאָס דער נייער סוחר? באַדאַרפט האָט מען פריער ר׳ שלמה אַברהם אָפּקאָרמען: אַנ׳אַלטער גאַסט אונזערער.

שלמה אַברהם: איך האָב נאָך ניט געדאַוונט מעריב, מאַטרענע, איך וויל נאָך ניט עסן.

מאַטרענע: די איצטיקע וועטרוכעס דאַרפן זיך ניט מאָלענען. עס גייט זיי אַרונטער אַזוי אייך.

זוסע: שאַ שטילער. טראָג צו דער טיר. (מאַטרענע קלאַפּט אָן מיט דעם פוס אין טיר)

שלמה אַברהם: וואָס איז דאָס פאַר אַ סוחר, אַנ׳אַלטער?

זוסע: ניין אַ יונגערמאַן, נאָר אַ גאָונישער קאָפּ. אַ גרויסער דרייקאָפּ שיינט ער צו זיין.

ה׳ בראָק: (עפנט די טיר, גיט אַ שמעק אין טעלער) עטאָ נע קאָטשו. ביפשטעקס נעטו?

מאַטרענע: איר מעגט מיט מיר ריידן אידעש אויך, האָט קיין מוראָ ניט. ס׳געפעלט אייך ניט? (ה׳ בראָק האַקט צו די טיר) האָסט געזען אַ שמאַרקאַטש? פאַרקרימט זיך, זאָל אים שוין קרומען מיט די זייטן. אַלטע קופּטשעס פלעגן זיך לאַקאָמען מיט מיין באָרשץ, און ער בלאָזט זיך. טשטאָב אָן טרעסנול, רבונו של עולם.

זוסע: שאַ, שרייט ניט. ער וועט נאָך אין כעס ווערן.

מאַטרענע: זאָל ער פּלאַטשן פון מיינעטוועגן. דרייסיק יאָר האָב איך גע־קאָכט, און איצט טויג מיין עסן ניט (גייט אָפּ)

זוסע: גייט, ווייסט, ווי די נייע מענטשלעך צופרידן צו שטעלן. וואָס פרי־ער איז געווען גוט, טויג איצטער ניט. איך וועל מוזן נעמען אַ יונגע שיקשעלקע, וואָס זאָל קענען קאָכן די מאכלים זייערע. מיר אַלטע מוזן ווי עס ווייזט אויס, זיך צופּאַסן צו די נייע פּאַראַנדקעס.

שלמה אברהם: און אָנפאַנגן זיך אַרומצושלעפן מיט פעקלעך און האַנדלען מיט פּאַפּירלעך. יע, יע, אַ רעכטער תּכלית אַף דער עלטער

זוסע: וואָס מאַכט מען, ר׳ שלמה אברהם. עס איז אַ נייע וועלט געוואָרן מען מוז זיך צופּאַסן צו די איצטיקע. — איך וואָלט אײַך פאָרלייגן צו באַקענען זיך מיט דעם יונגענמאַן, וואָס איז ביי מיר אין צימער. דאָס איז אַ גרויסער סוחר. אַלע סחורות אין דער וועלט האָט ער, — און ווייס די גאַנצע איצטיקע פּאָליטיק.

שלמה אברהם: איך האָב מורא אַריינצולאָזן זיך אין די איצטיקע שווינדלע־רייען. בין איינגעוואוינט צו האַנדלען אף נאמנות, אפּ׳ן וואָרט, און נאָר מיט ראַעלע זאַכען — און היינט גייט עס ניט.

זוסע: ער שיינט אַ ראַעלער מענטש צו זיין. ער פירט עס נאָר נאָכ׳ן נייען שניט. בנאמנות, ער קען אײַך נוצלעך זיין. איר זייט אַ מענטש מיט אַ גרויסער פאַמיליע, איר דאַרפט אסך האָבן [עס עפנט זיך די טיר עס באַווייזט זיך ה׳ בראַק] אָט קומט ער. איך וועל פּרובירן עם באַקאַנט מאַכן [טרעט צו צו ה׳ בראַק] אָט קענט איר זיך באַקענען מיט איינעם פון די גרעסטע סוחרים פון דער סביבה (אין דער שטיל צו אים) איך האָב אײַך מי יודע ווי אַרופגע־הויבען.

ה׳ בראָק: (פאַר זיך) עפּעס ווייזט ער מיר אויס צו פיל חסידיק.

שלמה אברהם: (פאַר זיך) קענטיק פון די איצטיקע דרייערס.

ה׳ בראָק: אַז עס זיצט אַ איד דאַרף מען זיך מיט אים באַקענען.

שלמה אברהם: שלום עליכם.

ה׳ בראָק: אַלאַנגווייליקער האָטעל דאָ. עס מישן זיך אַרום ווייניק מענטשען. איך האָב אַזאַ טבע, אַז איך קען אַליין ניט זיצן. איך האָב האָלט זיך פונאַנדערצורײדן מיט מענטשען. פון יעדער ריידן קען וואָס אַרויסקומען

שלמה אברהם: תורא בתירא לא פגע, אינש באינש פגע, ווי אין גמרא שטייט.

בראָק: יע, ווי אין גמרא שטייט... ווייסט איר ניט, ר׳ איד, ווי פיל דער קורס האָט געהאַלטן היינט נאָך מיטאָג?

שלמה אברהם: איך קען אײַך ניט זאָגן, איך ווייס ניט.

בראָק: [פאַר זיך] וואָס אין גמרא שטייט, ווייס ער, און ווי פיל דער קורס האַלט, ווייס ער ניט (לויט) אַ איצטיקער סוחר דאַרף דריי מאָל אַ טאָג לייענען צייטונגען און לויפן אפּ׳ן בירזש, ווי מען פלעגט דאַרפן אַ מאָל דריי מאָל אַ טאָג דאַוונען. אלע ווילע בייט זיך, אַלע ווילע גיט אַ בלאָז אַ נייער ווינטל.

שלמה אברהם: יע, יע, אַלץ איז איצט ווינט.

בראָק: ניט אמת? איר דאַרפט נאָר וויסן, פון וואַנען דער ווינט בלאָזט: פון צפון, פון דרום פון מזרח אָדער פון מערב. איר פאַרשטייט דאָך מסתמא דעם פשט דערפון. און אַז איר האָט געכאַפּט דעם ריכטיקען ווינטל, דאַן זייט איר אַוועקגעפאָרן.

שלמה אברהם: יע, איצט לויפט מען וואו דער ווינט בלאָזט, לייכטע מענטשען.
בראָק: דאָס איז דאָך מיינע ווערטער. איר דאַרפט זיין פלינק, דערטאַפּן דעם ריכטיקן מאָמענט און אויסנוצן אים. דער עיקר דעם מאָמענט... האָט איר געהערט וועגן קראַסינען?
שלמה אברהם: ניין, איך האָב ניט געהערט.
בראָק: איך טרוי עס אייך אָיין, ר׳ איד, איך האָב אויסגעלייענט אין אַ זיי־טיקער טעלעגראַמע, אַז קראַסין איז צוריק פון וועג אַרויסגעפאָדערט געוואָרן נאָך איינגלאַנד. מאָרגן פרי לויף איך גלייך אַיינוועקסלען מיינע טשאַרען.
שלמה אַברהם: און וואָס טוט איר אַז לויד דזאָרזשן פאַלט אַיין אַ משגעת קראַסינען מיט דעם זעלבן שיף צוריק אַוועקצוטראַנספּאָרטירן?
ה׳ בראָק: דאַן פּטר איך ווידער אַרויס מיינע טשאַרען.
שלמה אַברהם. וואָס פאַר געשעפטען קען מען איצט מאַכן, אַז מען ווייס ניט היינט, וואָס מאָרגן וועט זיין?
ה׳ בראָק: מען דאַרף עס גאָר ניט וויסן, איצטיקע יאָרען לעבט מען נאָר מיט׳ן היינט.
שלמה אַברהם: אַמאָליקע יאָרען האָט מען אַזוי ניט געלעבט. אַמאָליקע יאָרען פלעגט מען וויסן וואָס מען טוט. אַז מען פלעגט אויסשרייבן סחורה, פלעגט מען וויסן אַז מען וועט באַקומען, און אַז מען פלעגט האַלטן געלט אין קעשענע, פלעגט מען וויסן אַז עס איז געלט. איצט איז אַלץ לופט געוואָרען, ריינע לופט.
ה׳ בראָק: ווייל עס איז לופט, איז עס בעסער. אַמאָל איז דאָס לעבן געווען ווי אַ זומפּ. יאָרענלאַנג בין איך געווען אַן אָרימער פּריקאַשציקל, ניט געקענט דערפון אַרויסקריכן. איצט דריי איך אַ רעדל מיט אַלעמען צוגלייך די לעצטע צייט איז געוואָרן אַ ביסל שוואַכער די לעכער האָבן זיך ביסלעכווייז אויסגעפילט און קיין נייע לעכער איז ניטאָ... אַנט־שולדיגט, ר׳ איד, ווי איז אייער פאַמיליע?
שלמה אַברהם: מיין נאָמען איז, שלמה אַברהם ראָזענצווייג.
ה׳ בראָק: וואַרט, שלמה אַברהם ראָזענצווייג. עפּעס אַ געהערטע פאַמיליע.
זוסע: איינער פון די גרעסטע סוחרים אַרום און אַרום.
ה׳ בראָק: אַוואונדער אַז איך זאָך עס ניט וויסן. וואָס איז אייער געשעפט?
זוסע: הויפּטאַרטיקלען מאַנופאַקטור און זייד.
ה׳ בראָק: זייד? דאָס איז דאָך פון די גאָלדערנע אַרטיקלען, היינט. איינע פון די גרעסטע מעלות פון אַרטיקלען אין איצטיגע צייטן איז, אַז מען קען עס לייכט אַריבערפירן. מיט אַ גרויסען שטיק סחורה ווערט איר איצט אַרייסגעריסן. איר האָט אַף זיך די הונדערטער דינים און אַסורים. דאָס מעגט איר און דאָס טאָרט איר ניט. מיט אַ קליינעם פּעקל האָט

TARTU ÜLIKOOLI
RAAMATUKOGU

איר דאָס ניט. מיט זייד, למשל, מיט אַ גילדערנעם רינג, מיט אַ ביסל סאָכאַרין קענט איר איבעראַל דורכקומען. אַפילו אַ רויטער וועט דאָס בײַ אײַך ניט אַרויסגעפינען... זייער רעכט, זייער רעכט, וואָס איך האָב מיך מיט אײַך צוזאַמענגעטראָפן. וואו איז דאָס אײַער געשעפט ה׳ ראַזענצווייג?

שלמה אַברהם: מיין געשעפט איז שוין אַוועקגעפאָרן, יע, שוין אַוועקגעפאָרן.

ה׳ בראָק: ווי מיינט איר, איר פירט עס אַרום?

שלמה אברהם: מיט׳ן ווינט אַוועק.

ה׳ בראָק; איר פאַרשטייט אויך, ווייזט אויס, וואו דער ווינט בלאָזט... מיט וועלכען ווינט, מיט׳ן מזרחדיקען אָדער מיט׳ן מערבדיקען?

שלמה אברהם: עס איז אַוועק מיט אַלע ווינטען. איך ווייס אַליין ניט אַ וואו.

ה׳ בראָק: איר ווייסט אַליין ניט וואו?

שלמה אברהם: אַ טייל האָבן די רייטע צוגענומען, אַ טייל די טייטשען, אַ טייל איז צונישט געוואָרען דורך די וואַליוטעס.

ה׳ בראָק: איז הייסט עס ביי אײַך גאָר נישט נאָכגעבליבן? און איך האָב...

שלמה אברהם: מער ניט דער נאָמען.

ה׳ בראָק: אַ שאָדן, אַ שאָדן. און איך האָב שוין געמיינט מיט אײַך צו מאַכן געשעפט.

זוסע: אַז איר וואָלט וויסן, יונגערמאַן, וואָס פאַר אַ נאָמען ר׳ שלמה אברהם האָט אין דער סביבה; דער ערשטער מאַנופאַקטוריסט.

ה׳ בראָק: וואָס העלפט עס, אַז די מאַנופאַקטור איז ניטאָ.

זוסע: דער ערשטער בעל צדקה, דער ערשטער למדן, דער ערשטער חסיד.

ה׳ בראָק: פון דאָס אַלץ מאַכט מען איצט קיין געלד ניט, ליבער פריינט.

שלמה אברהם: אמת, מען גיט קיין געלד ניט דערפאַר.

זוסע איך זאָג אײַך, יונגערמאַן, אַ נאָמען איז טייערער פאַר געלד, מיט געלד אליין קען מען נאָך קיין נאָמען ניט מאכן. נאָר מיט זיין וואָרט, מיט זיין ערליכקייט האָט זיך ר׳שלמה אברהם געקענט מאכן אזאַ נאָמען.

ה׳ בראָק: אַ נאָמען היינט, אַ נאָמען מאָרגן, וואָס העלפט עס, איר קענט עס דאָך ניט עסן. קיין אָסט קענט איר דערפאַר ניט בייטן. [אַ שווייגן] אַ שאָדן, אַ שאָדן, ה׳ ראַזענצווייג, איך וואָלט באמת געוואָלט מאַכן מיט אײַך געשעפט, געגעבן וואָס צו פאַרדינען, נאָר וואָס מאַכט מען מיט אַ נאָמען אַליין. [הויבט זיך אויף] אַ שאָדן, אַ שאָדן (עס קומט אַריין ישראל וואלף)

ר׳ ישראל וואלף: אַגוט׳ן אָוונט אײַך, אידן.

זוסע: אַך אַ גאַסט, ר׳ ישראל שדכן. אַ שלום עליכם אײַך.

ר׳ ישראל וואלף: טאַקע ישראל שדכן, ווי איר זעט אים אַליין. אַ, ר׳ שלמה אברהם איז דאָ אויך דאָ. אַצייט ניט געטראָפן זיך. לאָמיך אַראָפּנעמען מיין פּאַלטאָ (נעמט אַרונטער)

זוסע: שוין אַ צייט אַזעלכע געסט ניט געווען.

ה׳ בראָק: (צו זוסן) וואָס איז ער? אַ שדכן איז ער?... וואַרט מען קען דאָ מאַכן אַ געשעפט (צו ר׳ שלמה אַברהם׳ן) ה׳ ראָזענצווייג, מען קען דאָ מאַכן אַ געשעפט. אָט דאָ קען גילטן אייער נאָמען. איך האָב געכאַפּט דעם מאָמענט. העלפט נאָר מיט. מיר קענען דאָ מאַכן אַ קאָפּיקע. שדכנות איז געוואָרן איינע פון די בעסטע געשעפטן איצטער.

ר׳ ישראל וואָלף: (צוגייענדיק צו ר׳ שלמה אַברהם׳ן) אַ ברייטן שלום עליכם, ר׳ שלמה אַברהם. שוין אַ צייט אייך ניט געזען. איר זייט גאָר פאַר־שוואונדן געוואָרן פון אונזערע וועלטען.

שלמה אַברהם: איצטיקע יאָרען איז שווער אַרומצודרייען זיך. מען זיצט אין דער היים.

ר׳ ישראל וואָלף: דור הולך ודור בא. די וועלט בייט זיך, און די קאָפּיקע איז תמיד נוויטיג... ווער איז דער יונגערמאַן?

ה׳ בראָק: אַ שדכן בין איך, אַ פאַרמיטלער פון שדוכים (מאַכט יענע אויגן)

ר׳ ישראל וואָלף: נאַט אייך אַ שלום עליכם... אַזוי אַ שדכן זייט איר? זייט איר מיר דאָך אַ קאָנקורענט.

ה׳ בראָק: ווער זאָגט עס, אַז מיר דאַרפן זיין קאָנקורענטען? מיר קענען דאָך זיין שותפים. קיין געשעפט קען זיך ניט מאַכן מיט איינעם. אין יעדער זאַך איז גוט אַ שותף. איר קענט האָבן די אינגלעך, און איך די מיידלעך אָדער פאַרקערט.

ר׳ ישראל וואָלף: וואונדערלעך. איך וואָלט עס גאָר ניט גלויבן ווי קומט איר צו אַזאַ עסק?

ה׳ בראָק: וואָס וואונדערט איר זיך? צו שדכנות דאַרף מען האָבן אַ צונג און דאָס האָב איך.

ר׳ ישראל וואָלף: עס איז ניט אַזוי יעדע זאַך האָט זיך איר גאַנג. שדכנות האָט זיך אויך איר גאַנג. אַ שדכן דאַרף זיין אַן׳עלטערער מענטש, מיט אַן׳אָסאָבע, מיט אַ תורה וואָרט. אַ שדכן דאַרף קענען אַריינזאָגן אַ פיינעם פסוק, וואו עס פאַסט.

ה׳ בראָק: דער בעסטער פסוק איז איצט אַ פעקל אָסט.

ר׳ ישראל וואָלף: אַ, זאָגט עס ניט. שדכנות קען מען ניט פאַרגלייכן מיט אַן׳אַנדער געשעפט. שדכנות איז אַ גאָט זאַך. אַ שדוך איז אַ באַ־שערטע זאַך פון הימל, פאַרשטייט איר. און אַ שדכן איז טאַקע ווי מען זאָגט, אַ שליח פון גאָט. עס איז שווער צונויפצופירן אַ זוג כקריעת ים סוף.

ה׳ בראָק: אַלטע זאַבעבאָנעס. דאָס קענט איר ריידן פאַר די אַלטע. זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס איז עס חתונה. פאַר אַ באַשערטע זאַך, אַז מען האָט חתונה 20 מאָל פאַר דער חתונה און 20 מאָל נאָך דער חתונה

איצטיקע יאָרן, אַז דאָס מיידל האָט טאַקע די קלינגעדיקע ווערט עס און אַז זי האָט עס ניט, קען זיין באַשערט ווי פיל איר ווילט, וועט זי דאָך בלייבן זיצן.

ר׳ ישראל וואָלף: איר מאַכט, יונגערמאַן, אַרונטער די גאַנצע מעשה. איר זייט פון די איצטיקע און גייט זיך נאָך אייער אָרט, אָבער פאַר אַ שדכן טויגט איר ניט. איך זאָג אייך אַ צווייטן מאָל, אַז אַ שדוך צונויפפירן איז ניט קיין פעקל סחורה פאַרקויפן. איר האָט דאָ צו טאָן מיט לעבע־דיקע נפשות. אָט וויל ער וויל זי ניט; אָט וויל זי וויל ער ניט; אָט ווילן זיי שוין, דאַכט זיך, ביידע, טרעפט זיך מיט אַמאָל אַ מעשה און עס פּלאַצט אָפּ. דען פאַרשטייט איר, זיינען די מיידלעך ניט קיין קו־ראַנטער אַרטיקל איצט. די בחורים ווערן משוגע, און איר קענט זיי ניט צופרידן שטעלן. מיט איין וואָרט, איר דאַרפט אויסריידן דאָס גאַנצע האַרץ, ביז איר קענט וואָס מאַכן. היינט איז געוואָרן אַנ׳אַנדער אומ־גליק — די גרענצען. אַמאָל איז געווען אַ ברייטער פּלאַץ. איר האָט געקענט צוזאַמענפירן אַ פּאַרטי פון פאַרשידענע ערטער. איצט לאָזט מען ניט אַריבערפירן. אַ פּאַרטי פון ווייטערע ערטער לאָזט זיך לייכטער צוזאַמענפירן. שדכנות האָט זיך אויך איר ספּעציאַליטעט. היינט הויפּט זיך אָן אַ צרה מיט די וואַליוטע. דער וויל נדן מיט אָסט, דער דוקא טיט טשאַרן. וואו האָט מען דאָס אַמאָל געוואוסט?

ה׳ בראָק: די אַלטע צרות האָבן מיר אין אַנדערע געשעפטן אויך. איך זאָג אייך, ר׳ ישראל וואָלף, אַז אַ שדוך צונויפפירן איז לייכטער פון אַנ׳אַנ־דער געשעפט. דער גאַנצער אומגליק פון אַנדערע געשעפטן איז דער מאַנגל אין אַרטיקלען, און מיידלעך איז דאָ גענוג: איז ניט די, איז אַנ׳אַנדערע... איבעריגסטנס, וואָס האָב איך מיט אייך פיל צו ריידן. אָט האָב איך אין בוזעם א גאַנצע פּאַרטיי מיידלעך. (פאַר זיך) איך וועל ארויסנעמען די פאָטאָגראַפיעס פון מיינע באַקאַנטע.

ר׳ ישראל וואָלף: אַזוי איר האָט אויך סחורה?

ה׳ בראָק: ווילט איר, איז גוט, אַניט, מאַכן מיר מיט ר׳ מלמה אברהם׳ן געשעפט.

ר׳ ישראל וואָלף: מיט ר׳ שלמה אברהם׳ן?!

ה׳ בראָק: יע, מיר האָבן שוין גערעדט וועגן דעם. עס שטייט דערביי אַ פּאָר הונדערט טויזנטער קערבלעך צו פאַרדינען. דער חשבון איז אַף דער האַנט. מיר זאָלן האָבן ניט פיל — פאַר יעדעס מיידל צען טויזענט — האָבן מיר דאָס געלט.

ר׳ ישראל וואָלף: ר׳ שלמה אברהם, וואָס הער איך?

ה׳ בראָק: ר׳ שלמה אברהם איז מיר אַ שותף און זוסע וועט אונז אויך העלפן אין עסק.

זוסע: יונגערמאַן, איר זייט עפּעס צו ווייט פאַרקראָכן.

ר׳ ישראל וואָלף: עס איז עפּעס אַ וועלט איבערקערעניש. ר׳ שלמה אברהם, איר זייט אַ שדכן געוואָרן?

שלמה אברהם: איך פרעג אייך, יונגערמאַן, וואָס שפּילט איר דאָ? אַ קאָמעדיע שפּילט איר, אָדער וואָס?

ה׳ בראָק: ווי איר ווילט. עס הייגנט אָפּ פון אייך. איך האָב געוואָלט מאַכן מיט אייך אַן׳ערלעך געשעפט — ווילט איר ניט, איז דער מסחר געענדיגט.

שלמה אברהם: ר׳ ישראל וואָלף, דער יונגערמאַן טרייבט דאָ קאַטאָוועס. עך האָט זיך אָנגעצעפּעט אָן מיר און מאַכט מיר פאַר אַ שדכן. איך ווייס ניט פון וואָס צו זאָגן.

ה׳ בראָק: מיט איין וואָרט, ר׳ ישראל וואָלף, די מעשה איז קורץ אַזוי. איך פאַרפיר דאָ אַ שמועס מיט ר׳ שלמה אברהם׳ן... אַ געוועזענער אַלטער סוחר... אַן׳ערליכער מענטש... האָט ניט וואָס צו טאָן. האָב איך געוואָלט מאַכן מיט אים אַזאַ מין זאָרט געשעפט... עס איז געלעגן, זאָג איך אייך אַ מטמון גאָלד צו פאַרדינען. איך האָב די מיידלעך, איר האָט די אינגלעך זוסע העלפט אונז, ר׳ שלמה אַברהם׳ס נאָמען קען אונז גילטן. מיט איין וואָרט מיר האָבן געקענט מאַכן די גרעסטע אונטער־נעמונג. אַלע חתן־כלה׳ס וואָלטן דורכגעגאַנגען דורך אונזערע הענט... נאָר ער וויל ניט... ניט געמאַכט.

ר׳ ישראל וואָלף: וואַרט אַ ביסל, יונגערמאַן, לאָזט אונז ריידן אַ ביסל רוהיקער. עס איז מיר דער גאַנצער ענין ניט קלאָר. ר׳ שלמה אַברהם, איר ווילט זיך, הייסט עס, אָפּזאָגן פון דעם עסק?

שלמה אַברהם: דער יונגערמאַן האָט אָנגעפאַנגען אריינקריכן באַ מיר אין לונג און לעבער, און זוכן מסחרים. און אַז ער האָט דערהערט, אַז איך האָב אַ פיינעם נאָמען, וויל ער מאַכן דערפון אַ געשעפט.

ה׳ בראָק: מיר גייט עס פיל ניט אָן. איך האָב אַנדערע געשעפטן. איך האָב געוואָלט אייך צודינען, בנאמנות... רעדט מיט אים... איך גיי אַוועק.

ר׳ ישראל וואָלף: באַרוהיגט אייך. לאָזט אייך דינען. דער יונגערמאַן רעדט גאָרניט פון וועג. איר זייט ווייזט אויס, אַ נויטיגער איד. עס שטייט דערביי אַן׳ערליכע פרנסה. למי זאָלט איר זיך אָפּזאָגן?

שלמה אַברהם: מיין גאַנצן לעבן האָב איך געאַרבייט, און פון מיין גאַנצער אַרבייט איז מיר געבליבן נאָר מיין נאָמען — זאָל איך עס אייך אַוועקגעבן אַף דער עלטער?

ר׳ ישראל וואָלף: עס איז רחמנא ליצלן אַן׳איבער־געקערטע וועלט. אַלע אַלטע מסחרים זיינען אונטער־געגאַנגען, איר זייט ניט איינער. אַ

מענטש קען אָן אַ עסק ניט אויסקומען. וואָס דאַרפט איר אַן׳ערליכע־
רעס געשעפט פון שדכנות? איר זייט דאָך אַ איד אַ למדן — ווייסט
איר, אַז אַ שדכן איז גאָטס אַ שותף.

זוסע: בנאמנות, ר׳ שלמה אברהם, צו די איצטיקע פּרנסות וואָלט ניט
שאַדן עפּעס אַ צוצעפּעניס פֿין דער זייט.

ר׳ ישראל וואלף: הכלל וואַרפט אַרויס אַייערע סחורות. איר זעט, אַז
אַ פּסוק קומט יע צוניץ.

ה׳ בראָק: איר וועט מיר נאָך דאַנקבאַר זיין ר׳ שלמה אברהם... וואַרפט
איר אַרויס אַייערע יונגעלייט, וואָס איר האָט (זעצן זיך נעבן אַנאַנדער, רוקן צו
די לאָמפּ. זוסע הינטער זייער רוקן. ר׳ שלמה אברהם אָן דער אַנדער זייט, באַקוקן פאַר דער לאָמפּ
די פאָטאָגראַפיעס)

ר׳ ישראל וואלף: פיינע סחורה, פיינע סחורה. מאַכט מיר באַקאַנט אַביסל
מיט זייער תוך, זייער יחוס. זיינען זיי ערליכע מיידלעך?

ה׳ בראָק: וואָס גייט אייך אן אט די אלטע מעשיות. וואס פאר יחוס?
וואס פאר ערלעך? פרעגט בעסער וועגן דער אפּיטיקא. דאס איז דער
עיקר. וואס פארלאנגן אייערע בחורים?

ר׳ ישראל וואלף: אט דער בחור, זעט איר, דארף האבן 50 טויזנד אָסט
אדער 100 טויזענד טשארעץ. אבער ער דארף האבן אמיידל אויך, דאס
הייסט זי זאל זיין שיין, דורכגעמאכט קלאסן און קענען אביסל שפּילן
קלאוויר אויכעט.

ה׳ בראק: א צו טייערער בחור אייערער. אלעס צו זאמען איז שווערלעך;
אי געלד, אי געבילדעט, אי קלאוויר. ער וועט זיך לאזן בויגן אייער
בחור.

ר׳ ישראל וואָלף: קוקט זיך איין וואָס פאר א שטיק בחור, ווי א ריז.
אזעלכע בחורים דארפט איר זוכן, ווי מיט ליכט. וואו קענט איר
געפינען איצט א גאנצען בחור? אלע זיינען זיי צובראָכענע פון דער
מלחמה און פון אלע צרות.

ה׳ בראָק: איך זאָג אייך, אז מיידלעך איז אצטער ווייניקער דאָ גאנצע,
ווי בחורים. מילא, וואָס זאָלן מיר פיל ריידן. איך קען דאָס מיידל.
פאר 50 טויזענד טשארעץ קאָוויר איך, און דאָס געשעפט וועט זיין גע־
מאכט. לאָמיר דערווייל דאָס פאר צוזאמענלייגן. וואָס איז דער בחור
פאר א נפש?

ר׳ ישראל וואָלף: אָט זעט איר, דער זוכט דוקא אַן׳ערלאָך מיידל. הויפּט־
זעכלעך אַן׳ערלעך מיידל, געלט גייט אים ניט אָן.

ה׳ בראָק: גאָר ניט? וואָס איז דאָס פאַר אַ בחור, זאָגט מיר? עס פעלט
באַ אים עפּעס?

ר׳ ישראל וואָלף: פון די אופגעקלערטע, אַן׳אידעאַליסט. אַזוי איז ער

אין פולען שכל.

ה׳ בראָק: וואַרט, פאַר אים קען דאָס פּאַסן. רעדט וועגן ציוניזם אָגט און נאַכט. אַנ׳אָרימע מיידל... אַביסל קריינלעכע אויגן.

ר׳ ישראל וואלף: דאָס זע איך. איך ווייס ניט אויב דאָס וועט אָנגיין. ער וויל אַ פיין מיידל. אַן ערלעך און אַ פיין מיידל וויל ער.

ה׳ בראָק: זאָגט אים אייער בחור, אַן אַזעלכע צוויי זאַכן וועט ער ניט באַקומען, אַ אידעאַליסטקע און אַ פיינע. איך ווייס די איצטיקע וועלט גאַנץ גוט. אַ פיינע מיידל האַלט מער פון עולם הזה, ווי פון עולם הבא. הכלל לייגט זיי צוזאַמען דערווייילע... האָט איר עפּעס נאָך אַ סחורה פאַר אַ מיידל אָן געלד?

ר׳ ישראל וואלף: פאַר אַ מיידל אָן געלד? וואַרט, איך האָב אַנ׳אַלמן פון אַ יאָר פינף און זעכציק... אַביסל טויבלעך, אָבער אַ פעסטער איד.

(עס קומט אַריין פּרל׳ טרויב באַלאָדן מיט פּעק)

פּרל׳ טרויב גוט׳ן אָוונד. קען איך ניט באַקומען אַ נומער בעל הבית?

זוסע: אַ נומער? מיט׳ן בעסטן כבוד, פריילין. מיט איין בעט אָדער מיט צוויי?

פּרל׳ טרויב: איך דאַרף קיין בעטען ניט. אין גאַנצן אַף אַ האַלב שעה. איך דאַרף ווייטער פאָרן. אַ גלאָז טיי קען מען באַקומען?

זוסע: גלייך איז דער סאַמאָוואַר פאַרטיק, פריילין. (זוסע פירט איר אָפּ. קומט צוריק)

ה׳ בראָק: וואָס איז דאָס פאַר אַ זאָרט?

זוסע: דאָס איז זייער אַ רייך מיידל. האָט זיך אַליין געמאַכט אַ קאַפּיטאַל. פאָרט אַליין אַף די גרענעץ, קויפט סחורה און פאַרקויפט. זי טרייבט עס בעסער פון אַנ׳אַנדער מאַנסביל. האָט אַלערליי סחורה.

ה׳ בראָק: און דעם לעבעדיקן אַרטיקל האָט זי?

זוסע: וואָס פאַר אַ לעבעדיקען אַרטיקל?

ה׳ בראָק: דעם מאַן מיין איך.

זוסע: ניין, דאָס האָט זי ניט. האָט געעפנט אַ קראָם אין אַ דערבייאיקן שטעטל און פירט עס גאַנץ אַליין... איך לויף אַריינברייגגן דעם סאַמאָוואַר (גייט אָפּ)

ה׳ בראָק: אידן, לאָמיר אָפּמאַכן מיט איר אַנ׳עסק. דאָס איז אַ גאַנגבאַרער אַרטיקל. איך זאָג אייך, מיר זאָלן זי ניט אַרויסלאָזן פון די הענט. דאָ שמעקט מיט טויזענדער. ר׳ ישראל וואָלף האָט איר אַ מאַנסביל אָן דער זייט?

ר׳ ישראל וואלף: וואַרט, בנאמנות, באַ מיר אין רשימה געפינט זיך אַ יונגערמאַן, וואָס וואוינט אַף דער צווייטער גאַס פון דאַנען. רייבט זיך אַרום אַף דער בירזש. אַ גרויסער קענער אין דרייען מיט דער וואַליוטע, האָט אָבער קיין געלד ניט.

ה׳ בראָק: ווי איך בין אַ איד, מיר פירן דאָ צוזאַמען אַ געשעפט. שיקט רופן דעם בחור, און מיר וועלן דערווייל באַאַרבעטן די מיידל.

ר׳ ישראל וואלף: איך שרייב אָן דעם יונגענמאַן אַ פּאָר ווערטער און שיק עס אָפּ מיט זוסען. (שרייבט. זוסע טראָגט אַריין דעם סאַמאָוואַר, שטעלט גלעזער מיט טאַשען. לייענט) ה׳ שעדליץ, גאָט האָט מיר צוגעשיקט פאַר אײַך אַ באַשערטע זאַך. אַ מיידל מיט אַלע מעלות: האָט אַ קראָם מיט פיל געלד, האַנדלט מיט אַלערליי סחורה, און דאַרף האָבן אַ מאַן. קומט גלייך אין אכסניא באַזוסען, און זאָל עס זיין מיט מזל. זוסע אָט דעם בריוו טראָגט גלייך אָפּ נאָך דער אַדרעס, און ער זאָל גלייך קומען.

זוסע: ווער?

ר׳ ישראל וואלף: דער חתן?

זוזע: וועלכער חתן?

ה׳ בראָק: אָט פון דער מיידל.

זוסע: איר האָט זיך שוין מיט איר צוזאַמענגערעדט?

ה׳ בראָק: וואָס דאַרפן מיר מיט איר ריידן. זאָל קומען די סחורה. מיר וועלן שוין מיט איר פאַרטיק ווערן.

זוסע: און טאָמער וויל די מיידל ניט?

ה׳ בראָק: אַך, פאַר וואָס זאָל זי ניט וועלן? ס׳געהערט אַ מענטש, וואָס דרייט זיך אַרום אָף דער בירזש. אַזאַ גליק-שדוך. ער קען מאַכן די גרעסטע געשעפטן, ווען ער האָט געלד...נו, גייט שוין, זוסע, איר וועט שוין באַקומען אײַער פּראָצענט.

זוסע: אָף מיינע נאמנות איר זייט אַ גאונישער קאָפּ. איך האָב אײַך געזאָגט, ר׳ שלמה אברהם, אַז מיט דעם יונגענמאַן קען מען פאַרדינען. אווא, איצטיקע דריי קעפּ... איך לויף (גייט אָפּ)

ה׳ בראָק: מיר האָבען היינט אַ גליקליכען אָוונד, אידען. אַלץ פּאַסט זיך צו היינט, ווי אָף דער סצענע. אַלץ אַ צופאַל. געקומען בין אין גאָר כאַפּן אַ פּאַרטיי חזיר-עקלעך און אַרופגעפאַלן אָף שדוכים. דאָס זאָג איך אײַך, ר׳ שלמה אברהם, מען, מוז כאַפּן דעם מאָמענט און אויסנוצן איר וועט היינט מאַכן אַ בעסערען געשעפט, ווי פון אײַערע אַמאָליקע זיידענס. איר ווייסט ניט וואָס עס טוט זיך אין דער וועלט. מען פירט מיידלעך פון דער ליטא, און מען ברענגט זיי אַהער, און מען שעפּט דערפאַר די שווערע טויזענדער. אין דער ליטא, פאַרשטייט איר, אַרבעט דער אָסט. בהורים שלאָגן זיך דערוף. איר וועט קיין חרטה ניט האָבן ר׳ שלמה אברהם, וואָס איר האָט זיך באַקענט מיט מיר. [אַרויסגייענדיק פון זיין מבולבלקייט]

ר׳ שלמה אברהם: ווי אין גמרא שטייט: כל מה שעושה השם לטוב הוא עושה. דארף איך מיך באַקענען מיט אײַך און ווערן אַ שדכן. מסתמא

דאַרף דאָך אַזוי זיין... מיין ווייב און קינדער דאַרפן זייער פיל האָבן
(עס גייט אַריין, פּרל׳ טרויב)

פּרל׳ טרויב: קען איך ניט באַקומען אַ גלאָז טיי?

ה׳ בראָק: דער בעל הבית איז אַרויסגעגאַנגען וועגן אַן׳עסק. זעצט זיך צו צום טיש, פריילין. איר קענט טרינקען מיט אונז א גלאָז טיי. ער־לויבט צו באַקענען זיך — בראָק.

פּרל׳ טרויב: פּרל׳ טרויב. איך דאַנק אייך זייער. פיליייכט וועל איך אייך שטערן?

ה׳ בראָק: גאָט באַהיט. מיר קענען מיט אייך ריידן ווי מיט אַן׳אַנדערען. איר זייט דאָך א וועלטלעכע מיידל. האָט צו טאָן מיט מענטשען.

פּרל׳ טרויב: איר קענט דען מיך?

ה׳ בראָק: געהערט פון אייך. איר האָט אַ געשעפט. טראַנספּאָרטירט סחורה פון יענער וועלט.

פּרל׳ טרויב: (לאַכט) איך פאַרשטיי, וואָס הייסט פון יענער וועלט. איך מאַך גאַנץ גוטע געשעפטען. אינטערעסאַנט פון וואַנען קענט איר מיך קענען?

ה׳ בראָק: אונזער געשעפט איז שוין אַזא, אַז מיר דאַרפן קענען מענטשען.

פּרל׳ טרויב: איר פירט אויך פון יענער וועלט סחורה, שיינט עס.

ה׳ בראָק: מיין סחורה קריכט אַליין אַריבער. מען דאַרף דאָס ניט פירן. דאָס הייסט מיר אַלע. מיר זיינען אַלע אין איין קאָמפּאַניע.

ר׳ ישראל וואָלף: אונזער געשעפט איז אַ גאָט זאַך.

פּרל׳ טרויב: אפשר קענט איר מיר זאָגן אייער אַרטיקל. איך בין אַפילו אַ מיידל, אָבער קען אויך מאכן געשעפט.

ה׳ בראָק: מיר האָבן אַן׳אַרטיקל גראַדע פאַר אייך.

ר׳ ישראל וואָלף: אַן אַרטיקל וואָס גאָט אַליין האָט אייך צוגעשיקט.

פּרל׳ טרויב: איז עס ניט שווער צו שלעפן? איך בין, פאַרשטייט איר, אַ פּרויענצימער, און מיר איז אונבאקוועם מיט שווערע פּעק אַרומצו־שלעפן זיך.

ה׳ בראָק: דער פּאַק וועט אייך שוין שלעפן.

פּרל׳ טרויב: מיך שלעפן?

ה׳ בראָק: וועט שוין אייך העלפן.

פּרל׳ טרויב: [לאַכט] איר זייט אודאי שדכנים.

ה׳ בראָק: געטראָפן דעם אמת. איר זייט טאַקע אַ קלוגע מיידל. איר פאַרשטייט אַ פשט. די מעשה איז אַזוי פּרל׳ טרויב. מיר האָבן גע־הערט, אַז איר האָט אַרייך געשעפט... אַ מענטש אַליין... ווי זאָגט מען?

ר׳ ישראל וואָלף: ווי אין מדרש שטייט: דער מאַנספּערזאָן איז געגליכן

צום קאָפּ, און די פּרויענצימער צום פליגל.

פּרל׳ טרויב: ווי עס שיינט, ווילט איר מיר טאַקע פאַרשדכנען.

ה׳ בראָק: קורצע רייד, פּרל׳ טרויב, אָט דער איד האָט פאַר אייך אַ יונגען־מאַן, וואָס איר וועט אָף אים קיין חרטה ניט האָבן.

ר׳ ישראל וואָלף: מיט איין וואָרט, אַ מענטש מיט אַ קאָפּ, מיט אַ פּע־דער אין דער האַנד. שטאַמט פון פיינע יחוס, באמת אַ באַשערטע זאַך.

פּרל׳ טרויב: עס לאָזט זיך ניט ריידן וועגן אַזאַ זאַך אַזוי לייכט.

ה׳ בראָק: זאָגט עס ניט פריילין, איצטיקע יאָרען מוז מען אַריינכאַפּן יעדע זאַך אין דער גיך.

ר׳ ישרל וואָלף: אַ באַשרטע זאַך דאַרף מען ניט אָפּלייגן, פּרל׳ טרויב, ווי אין גמרא שטייט.

פּרל׳ טרויב: ווי קען מען דאָס אַזוי אונערוואַרטעט? איך דאַרף נאָך היינט פאָרן עמפּפאַנגען סחורה.

ה׳ בראָק: אין די האַלב שעה, וואָס איר בלייבט דאָ, מאַכן מיר אָפּ דעם געשעפט, און איר זייט אַ פאַרזאָרגטע אָפּן גאַנצן לעבן, בנאמנות.

פּרל׳ טרויב: עס קלינגט מיר עפּעס אַזוי קאָמיש. איך בין אַרויסגעפאָרן פון אונזער שטעטל צו אַמפּפאַנגען אַ פאַרטיי הויזן־קנעפּ פון ריגע, און וועל קומען מיט אַמאָל אַ כלה.

ה׳ בראָק: עס טוט זיך איבעראַל אַזוי. מען פירט איצט צונויף שדוכים דורך טעלעגראַמען, מען רעדט זיך צוזאַמען אָף דער בערז, איר ווייסט ניט וואָס פאַר אַ בהלה עס איז איצט געוואָרן אָף שדוכים, מיידלעך לייגן זיך שלאָפן מיידלעך, און שטייען אויף ווייבלעך.

ר׳ ישראל וואָלף: עס איז געוואָרען ווי אין ישעהו שטייט: ואחזו שבע נשים באיש אחד, זיבען ווייבער אָף איין מאַנסביל. ממש משיח׳ס צייטן.

פּרל׳ טרויב: זאָגט מיר, זייט אַזוי גוט, האָט דער יונגערמאַן וואָס אַנט־קעגן צו געבן? איך האָב גאָט צו דאַנקן אַ רעכט פיין געשעפט, איך בין גאָט צו דאַנקן ניט קיין אומבאַהאָלפענע.

ה׳ בראָק: ס׳הייסט אַנטקעגן געבן? אַ מענטש וואָס ליגט אָפּ גאַנצענע טעג אָף דער בירזשע. ער וועט אייער געשעפט אין צווייען פאַרגרעסערן.. הכלל, דאָס געשעפט איז אָפּגעמאַכט, פּרל׳ טרויב.

פּרל׳ טרויב: איך וואָלט בעטן באַ אייך, אויב מעגלעך אייניקע טעג אָפּ־צוּוואַרטן. איך וועל עטוואָס נאָכפרעגן, מיך ערקונדיגן.

ה׳ בראָק: ניין, דאָס קענען מיר ניט. אַז עס ליגן באַ אונז די צענדליקער מיידלעך אָף דער האַנט, און יעדע רייסט ממש פון די הענט. אויב איר מאַכט היינט ניט אָפּ מיט אים, נעמט אים צו מאָרגן אַן אַנדערע.

ר׳ ישראל וואָלף: איר קענט זיך, פּרל׳ טרויב, גאַנץ פאַרלאָזן אָף אונז. איך בין שוין אַן אַלטער שדכן.

ה׳ בראָק: און אָט איז ר׳ שלמה אברהם אויך אין דעם ענין. האָט דעם גרעסטען נאָמען אין דער גאַנצער סביבה, דער גרעסטער בעל צדקה, דער גרעסטער למדן, דער גרעסטער חסיד.

פרל׳ טרויב: שלמה אברהם ראָזענצווייג?

ה׳ בראָק: יע ה׳ ראָזענצווייג. איר האָט געהערט פון אים?

פרל׳ טרויב: מען ווייס אים: א זיידנהענדלער.

ה׳ בראָק: אַ געוועזענער, און איצט א שדכן, איר זעט איר האָט צו טאָן מיט באַקאַנטע מענטשען.

פרל׳ טרויב: ווי ווילט איר דאָס מאַכן, פאַרשטיי איך ניט,

ר׳ ישראל וואָלף: ער קומט גלייך אַהער צו מיר טאַקע וועגן דעם ענין.

פרל׳ טרויב: ער ווייס שוין פון דעם?

ר׳ ישראל וואָלף: איך האָב אים שוין דעם גאַנצן ענין אויסגעלייגט.

פרל׳ טרויב; עס קען זיך, אידען, אַזוי שנעל ניט מאַכן... איך בין ניט אָנגעקליידעט... איך קען פאַרזאַמען דעם צוג... עס איז דערביי אסך טויזענדער.

ה׳ בראָק: איך זאָג אַייך דאָס איז אנ׳אַרבעט פון אַ מינוט. ר׳ שלמה אַברהם מאַכט אָפּ קנין, און איר קענט זיך, געזונטער-הייט פאָרן אַמפּפאַנגען אַייערע הויזענקנעפּ. (עס קומט אריין זוסע מיט ה׳ שעדליץ)

ר׳ ישראל וואָלף: אַ גוט׳ן אָוונד, ה׳ שעדליץ, באַקענט זיך.

ה׳ בראָק: (ווייזענדיק אַף פרל׳ טרויב) פרל׳ טרויב.

ה׳ שעדליץ: שעדליץ. [צו ישראל וואָלף אין דער זייט] ליבער הער, מיינע אַ שוועסטער דאַרף קומען גלייך פון רוסלאַנד, איך האָב קיין צייט ניט. קעמען דאָס ניט אָפּלייגן אַף אַ צווייטן מאָל?

ר׳ ישראל וואָלף: ניין, ה׳ שעדליץ. איר טאָרט עס ניט טאָן. אויב איר לאָזט דאָס אַרויס פון דער האַנד איז עס אַ פאַרפאַלענע זאַך.

ה׳ שעדליץ: טאָ מאַכט דאָס שנעלער... דער צוג קומט גלייך... וואָס איז דאָס פאַר אַ מיידל?

ר׳ ישראל וואָלף: קומט, אין דריי ווערטער מאַך איך אייך עס קלאָר [גייען אָפּ מיט ה׳ בראָק. זוסע אין קיך]

פרל׳ טרויב: אייער נאָמען איז באַקאַנט באַ אונז. ה׳ ראָזענצווייג, איך האָב גאָר ניט געוווסט, אַז איר זייט אַ שדכן. שוין לאַנג ווי איר זייט אַ שדכן?

שלמה אברהם: פון היינט אָן.

פרל׳ טרויב: פון היינט ערשט? איצט קומט אויס אָפּט צו בייטן די געשעפטען... עס שיינט מיר עפּעס אַזוי זאָנדערבאַר, ווי עס איז צוזאַמענגעפאַלן אַזוי אונערוואַרטעט דער שדוך.

שלמה אברהם: מאָדנע איז עס, אָבער עס איז דאָך אַנ׳אַנדער וועלט.

פרל׳ טרויב: געדאַרפט האָט מען אָפּלייגן אַף אייניקע טעג, זיך אַרומקוקן.

שלמה אַברהם: באַדאַרפט האָט דאָס זיין אַזוי.

פרל׳ טרויב: נאָר וואָס מאַכט מען. דעם אמת זאָגנדיק מען איז אַ מיידל איינע אַליין

שלמה אַברהם: אַ מיידל בלייבן זיצן איז ניט קיין תכלית.

פרל׳ טרויב: פון דער אַנדער זייט וואָלט זיך ניט וועלן לאָזן פאַרנאַרן אויך ניט.

שלמה אברהם: ניין, פאַרנארן לאָזט זיך ניט, מאַכט דעם חשבון ריכטיק.

פרל׳ טרויב: איך בין, פאַרשטייט איר מיר, ניט קיין אומבאַהאָלפענע בעל הביתישע מיידל.

שלמה אַברהם: ניין, קיין בעל הביתישע מיידל זייט איר ניט. פאַר אייערע געלד קענט איר זיך איינשאַפן דעם בעסטען בחור.

פרל׳ טרויב: אפשר לוינט עס נאָך חרטה צו האָבן, ה׳ ראָזענצווייג. איך פאַרלאָז מיך נאָר אַף אייך. איר זייט אַ באַקאַנטער בעל הבית אין דער געגענד. ווי ראַט איר מיר?

שלמה אַברהם: אַ געראָטענער מענטש. ער קען אייך איבערבייטן אַלערליי פאַפירלעך, וואָס ער האָט נאָר. (עס גייט אַרויס ה׳ בראָק, ר׳ ישראל וואָלף און ה׳ שעדליק)

ר׳ ישראל וואָלף: (צו שעדליק) איר קענט מיט איר אויך אַ שמועס טאָן.

ה׳ בראָק: זעצט זיך צו דער פריילין. באַקענט זיך נעהנטער.

ה׳ שעדליק: זייער אַנגענעם, זייער אַנגענעם. איצט קענען מיר שוין ריידן פרל׳ טרויב, ווי באַקאַנטע מענטשען.

פרל׳ טרויב: איך בין שוין אַזוי גוט באַקאַנט מיט אייך. אַנטשולדיקט וואָס איך בין אַזוי אָנגעקליידט. איך האָב מיך גאָר ניט פאָרגעשטעלט, אַז עס וועט אויסקומען אַזאַ באַקאַנטשאַפט צו מאַכן.

ה׳ שעדליק: שאַדט ניט פריילין טרויב. איך בין ניט אַזאַ מענטש, פאַרשטייט איר, וואָס קוקט אַף די קליידער, דער עיקר דער מענטש

פרל׳ טרויב: איך פאַרלאַנג אייך נאָר אַ מענטשן. עס איז איצט אַזוי שווער צו געפינען אַ רעכטן מענטשן.

ה׳ שעדליק: זייער ווייניק. איר וועט מיר גלויבן, פרל׳ טרויב, בא אונז אין שטאָט איז דאָ זייער פיל מיידלעך, נאָר ביז יעצט האָט מיר דאָס האַרץ קיינמאָל ניט געצויגט...

פרל׳ טרויב: אין אַ פאַרטיי מוז מען זיין זייער פאָרזיכטיק. נאָר נאָכדעם ווי איך בין אַזוי נאָהענט באַקאַנט געוואָרן מיט אייך...

ר׳ ישראל וואָלף: ניטאָ וואָס צו ריידן. די מענטשן געפעלן זיך מען זעט, אַז עס איז אַ באַשערטע זאַך. זאָל מען דערלאַנגען וואָס צום טיש און

זאָל מען מאַכן קנין. זוסע דערלאַנגט עפּעס וואָס גוטעס צום טיש. עס איז דאָך אַ שמחה.

**זוסע:** [פון קיך] די שמחה איז שוין דאָ? זאָל זיין מיט מזל, מיט מזל. עס איז שוין באַ מיר גרייט משקה און כבוד. איך וואַרט נאָר מען זאָל אויסרופן. אין דער מינוט האָט איר עס.

**ה' בראָק:** איצט גלויב איך שוין אייך אין באַשערט. איך האָב גאָר ניט געטראַכט היינט צו נעמען אַ גלעזל בראַנפן. מיט אמאָל ווערט אַ שדוך און ווערט משקה. טאַקע אַ באַשערטע זאַך.

**זוסע:** (אַריינטראָגענדיק בראַנפען און טייגלעך) דאָס וואַרט שוין אַף אַ קנין, איך געדיינק ניט ווי לאַנג. דאָך אויסגעשטאַנען. איך האָב שוין, באמת, געבייינקט נאָך אַ פריילילכן גלעזל בראַנפן. די נשמה איז שוין ממש אויסגעדאַרט געוואָרן. עס איז שוין באַ מיר ניט געווען קיין שמחה, איך געדיינק ניט די צייט. אַ מאָל פלעגט זיין באַ מיר יעדע וואָך אַ חתונה אָדער אַ תּנאים. אָווּאַ, ס'אַר אַ לעבן עס איז געווען.

**ר' ישראל וואָלף:** דער ערשטער לחיים געהערט אייך, ר' שלמה אברהם.

**זוסע:** מען האָט נאָך ניט פאַרגעסן ר' שלמה אברהם'ס א לחיים.

**ה' בראָק:** אודאי, ר' שלמה אברהם, פאַסט פאַר אייך צו בענטשען דאָס יונגע פאָר. איר זייט אַ איד אַ חסיד, מיט אַ פיינעם נאָמען.

**ר' שלמה אברהם:** כּון דאתא להכא, ווי באלד, אַז עס איז אַריינגעקראָכן אזוי ווייט און עס האַלט באַם מאַכן אַ לחיים, זאָג איך מיך ניט אָפּ. אַ לחיים אייך, אידן. גאָט זאָל געבן, אַז עס זאָל זיך מערן שמחות באַ אידן. (מאַכן לחיים.)

**ר' ישראל וואָלף:** מאַכט שוין אָפּ קנין אויך. דאָס איז אייער כבוד, ר' שלמה אברהם, איר זייט ביי אונז אַ חשובער איד מען מאַכט קנין, מען זאָגט מזל טוב, זוסע גיסט אָן די גלעזלעך.]

**זוסע:** שוין אַ צייט ניט געזען ר' שלמה אברהם'ן באַ אַ גלעזל בראַנפן. אַ קלייניקייט ר' שלמה אברהם'ס נעמען אַ גלעזל בראַנפן באַ אַ שמחה. ר' שלמה אַברהם'ס אַ טענצל אַף אַ חתונה סט'געהאַט אַשם (מען מאַכט לחיים]

**שלמה אברהם:** דער ענין פון הכנסת כלה איז גאָר אַ גרויסע זאַך. איינע פון די זאַכן שהקרן קימת לעולם הבא, די תּנאים פלעגן אויך טאַנצן אַף חתונות. מען דערציילט אַפּ'ן בעל שם טוב, אַז ער פלעגט זיך ניט שעמען אַרויסצוגיין מיט אַ קאַזאַטשקע אין מיטן אַ גאַנצען עולם אַף אַ פרעמדע התונה.

**ר' ישראל וואָלף:** איצט מאַכט מען עס גאָר אַרונטער, דאָס איז אַ חסרון. מען זעט ווייניק די אַמאָליקע חתונות.

**ה' בראָק:** אַז ר' שלמה אַברהם זאָגט, אַז עס איז אַ מצוה צו נעמן אַ גלעזל בראַנפן. נעם איך נאָך אַ גלעזל. לאָמיר מאַכן אַ לחיים פאַר

זוסע: אַז עס איז שוין יאָ פֿריילעכער אַפּ׳ן האַרצן, ר׳ שלמה אברהם, וואָלט זיך שוין וועלן הערן אַחסידישען ניגון אייכעט. זינגט אוף, ר׳ שלמה אברהם, בנאמנות. שוין אַצייט ניט געהערט.

ה׳ בּראָק: איך בּין אפילו אַ פּראָסטאַק, אָבער וואָלט אויך הערן אייערן אַניגון.

שלמה אברהם: אַז עס האַלט בּאַ אַ ניגון, טאָ גיט זשע שוין נאָך אַ גלעזל בּראַנפֿן. דאָס איז שוין די טבע פֿון אַ ניגון, אז עס האָט האַלט אַ גלעזל בּראַנפֿן. דער אַלטער ליבּאַוויטשער עליו השלום פּלעגט אויך האַלט האָבּן צו נעמען אַ גלעזל בּראַנפֿן פֿאַר אַ ניגון. (גיסן אָן און מאַכן לחיים. שלמה אברהם מאַכט אַ הכנה און הייבּט אָן אַ ניגון.)

פּרל׳ טרויב: אַנטשולדיגט, מיין צוג דאַרף אָפּגיין. איך וועל פֿאַרזאַמען מיינע סחורה.

ה׳ שעדליץ: מיין שוועסטער דאַרף שוין אויך זיין אָנגעקומען. איך מוז מיך אויך היילן.

ה׳ בּראָק: דאַן איז געענדיגט. אַלץ איז אָפּגעמאַכט (צו שעדליץ) געדיינקט, מאָרגן דאַרף ווערן אַריינגעטראָגן דאָס געלד (אַלע שטייען אוף. געזעגענען זיך. פּרל׳ טרויב אין איר צימער. ה׳ שעדליץ אָפּ)

זוסע: צושטערט די גאַנצע שמחה. געהאַלטן שוין גאָר בּאַ אַ חסידישן נגון, מיט אַמאָל דאַרף זי פֿאָרן נאָך אירע הויזען-קנעפּ. און אַז זי וואָלט בּלייבּן אָן הויזען-קנעפּ איין מאָל צוליבּ׳ן קניץ, וואָלט אודאי אויסגעפּעלט קנעפּ אין דער וועלט.

ה׳ בּראָק: לאָמיר זיך זעצן איזען און מאַכן דעם חשבּון. אף די ערשטע האַנט מאַכן מיר פּופּציק טויזענד בּמזומנים. מאָרגן טראָגט ער אונז אַריין דאָס געלד. מיר טיילן עס צווישן אונז גלייך: איך פֿאַר די מיידעל, איר, ישראל וואָלף, פֿאַר׳ן בּחור און ר׳ שלמה אברהם פֿאַר׳ן נאָמען, און זוסע בּאַקומט אײַך זיין חלק.

זוסע: אַזאַ געזונד אַף אײַך, וואָס פֿאַר אַנ׳אָרענטלעכער מענטש איר זייט.

ר׳ ישראל וואָלף: מיר האָבּן צו אײַך ניט.

שלמה אברהם: ווי בּאַלד אַז עס איז ניטאָ קיין אַנדערע פּרנסות, ווי אַ נאָמען, בּין איך אויך צופֿרידן.

ה׳ בּראָק: מיינט ניט אַז איך בּין אַ דרייער, איך האָבּ האַלט צו פֿירן אַ געשעפֿט ראַעל, ערלעך (שפּרייזט אַרום איבּער׳ן צימער) הערט, אידן, וואָס מיר איז אַיינגעפֿאַלן. ווי בּאַלד אַז עס לאָזט זיך אַזוי לייכט צוזויפֿפֿירן שדוכים, דאַרף מען אַלע געשעפֿטן אַף כּפּרות.

ר׳ ישראל וואָלף: מיר זיינען דאָך שדכנים, דאָס איז דאָך אונזער געשעפֿט.

ה׳ בּראָק: דאָס איז גאָרנישט איך האָבּ האַלט יעדע זאַך בּרייט צו אַנטוויק-

לען. איך וויל עפּענען אַ ביוראָ פון שדוכים. מיר דאַרפן אַוועקשטעלן די זאַך ברייט, פּאָ אַמעריקאַנסקאָמו. מיר דאַרפן פאַרפירן ברייטע באַציאונגען און דאַרפן גרינדן א צענטראַל אָרט פון אונזער נייעם עסק.

ר׳ ישראל וואָלף: רעדט זיך אויס, יונגערמאַן, אַביסל קלערער. מיר זיינען פּשוטע אַלטמאָדעשע אידען און פאַרשטייען דאָס נאָר צו פירן נאָך אונזער אַלטן שניט.

ה׳ בראָק: יעדער זאַך קען מען פירן, פאַרשטייט איר קליין און גרויס. אָט זייט איר, למשל א שדכן, פאַרט צוזאַמען שדוכים, און אין דער זעלבער צייט גייען אַרום בחורים און מיידלעך, זוכן איינער דעם אַנדערן, און פאַלן אַריין צו אַנדערע אין די הענט. מיר דאַרפן מאַכן אַזאַ צענטראַל ביוראָ, וואו אַלע בחורים און מיידלעך זאָלן זיין באַ אונז אויפגענומען. מיר עפּענען פיליאַלען אין דער פּראָווינץ, האָבן אונזערע אַגענטן, ציען צו אַלטע באַהנטע שדכנים און בילדן אַ מין טרעסט.

ר׳ ישראל וואָלף: ווי וועט הייסן די ביוראָ?

ה׳ בראָק: אינפאָרמאַציאָנס ביוראָ פאַר שדוכים. הויפּט דירעקטאָר שלמה אַברהם ראָזענצווייג. (אַ פּויזע)

זוסע: אַוואַ, וואָס דער קאָפּ אַרבייט אויף. אַ גאונישער קאָפּ.

ר׳ ישראל וואָלף: נו, און ווייטער? ווי ווילט איר דאָס דורכפירן?

ה׳ בראָק: איך וועל פאָרן אין דער ליטע און פון דאָרטן שיקן מיידלעך. זוסע וועט זיי אָפּפאַנגען אַף דער גרענעץ און וועט זיי טראַנספּאָרטירן ווייטער, וואו מען דאַרף. איר וועט אַרבעטן דאָ, ישראל וואָלף.

שלמה אברהם: און וואָס האָב איך וואָס צו טאָן?

ה׳ בראָק: איר וועט לעבן פון אייער נאָמען.

זוסע: און וואָס זאָל איך טאָן מיט מיין האָטעל?

ה׳ בראָק: אַף וואָס פאַר כפּרות דאַרפט איר האָטעלען, אַז אין איין האַלב שעה האָבן מיר פאַרדינט פופציק טויזנד. אַז איך באַרעכן מיך, אַז איך קען אַזוי לייכט פאַרדינען, וואַרף איך אַלע געשעפטען, און נעם מיך דערצו.

ה׳ שעדליץ: (לויפט אַריין פאַרשאָפּעט) ליבע אידן, איך בעט אייך אַנטשולדיגן טויזענדער מאָל... די מעשה איז אַזוי. מיין שוועסטער קומט צופאָרן אַקאַרשט פון רוסלאַנד. און האָט מיר געבראַכט אַ צענדליק געשליפענע בריליאַנטען און אַ פּאָר צענדליג רינגען. מיט איין וואָרט איך בין אַ מענטש אַפּ׳ן פּלאַץ.

ר׳ ישראל וואָלף: נו איז וואָס איז די צרה דערפון?

ה׳ שעדליץ: איר פאַרשטייט דאָך אַליין, מיט אַזאַ קאַפּיטאַל דאַרף איך דען טאָן אַ זאַ שדוך?

ה׳ בראָק: ניין, זייט אַזוי גוט, חרטה איז ניט מעשה סוחר.

ר׳ ישראל וואָלף: ניין זייט מוחל, באַ אידן ווערט אַזוי ניט געמאַכט.

ה׳ שעדליץ: ווי איר ווילט... איך שווער אייך, אַז קיין משגענער אַף מיין אָרט וואָלט דאָס ניט געטאָן. באַרעכענט זיך, אַזוי פיל בריליאַנ־ טען... איך לאָז אָפּ... אנטשולדיגט (לויפט אַרויס. אַלע בלייבן שטיין ווי אָפּ־ גענומענע, יעדער אין אַ פּערגליווערטער פּאָזע. איינִיגע סעקונדען.)

ר׳ ישראל וואָלף: צו וואָס האָב איך מיך אָפּגעדרייט אַ גאַנצען אָוונד?

זוסע: און ווער וועט מיר באַצאָלן פאַר די משקה און פאַר די טייגלעך?

ה׳ בראק: איך זע, אז דאס געשעפט טויג אויך אף כפרות. איך פאָר בעסער כאפּן מיין פּעקל.

שלמה אברהם: מיין נאָמען האט איר מיר צוגענומען, גזלנים. וואס האט איר געטאן מיט מיין נאמען!

פרל׳ טרויב: (צייגט זיך מיט די פּעק.) וואס איז דא געשען?

## פאָרהאנג פאַלט שנעל.

# אַ ווענדונג צו די פֿאַרלאַגן פֿון מחבר.

אין משך פֿון צען יאָר האָט מיך דער גורל אַרומגעוואָרפֿן אין פֿאַרשידענע ערטער צווישן די שלעק פֿון דער צייט, מיר געלאָזן טרינקען פֿון ביטערען כּוס פֿון דער מלחמה און אויסטרינקען ביז׳ן סוף. פֿון אָנפֿאַנג מלחמה אָן האָב איך געפּרואווט אָפּוואַרפֿן, איילענדיק, מאַנכע בילדער פֿון איבערלעבטע מאָמענטן. נאָך דער מלחמה האָבן זיך בילדער אָנגעפֿאַנגען פֿאַרבייטראָגן מיט נאָך אַ שנעלערן אימפּעט און אַרויסגעשטויסן די אַלטע. די לעצטע פֿיר יאָר, דורכגעלעבטע אין אַ רוהיגער אַטמאָספֿערע, האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט דאָס גאַנצע מאַטעריאַל איבערצוקלייבן און ברייגנען אין נויטיגער אָרדנונג. און אַלס רעזולטאַט פֿון דער אַרבעט ערשיינען איצט מיינע פֿאַרטיגע צום דרוקן פֿאָלגענדע מאַנוסקריפּטן:—„די אידן אין דער מלחמה“: אַ דראַמע אין 5 אַקטן. איבערלעבונגען פֿון אָנפֿאַנג דער מלחמה ביז נאָך דער פֿעוראַל רעוואָלוציע. געשריבן אין רוסיש און אידעש. —„זכרונות פֿון אידעשן לאַטגאַלישן ישוב“: אַ כראָניק פֿון אַ דרייסיקיעריקער תּקופֿה פֿון לאַטגאַלישן ישוב ביז זיין חורבן צו דער צייט פֿון דער מלחמה. —„אַ דור הפּלגה“: אַ שאַרזש איינאַקטער, איבער דעם שפּראַכן וואַנדל. —„די קינדערלעך האָבן איינגעטשאַדעט די קעפּלעך“: איינאַקטער. ביבלישע סצענען.

TÜ RAAMATUKOGU
10300015019872